# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 131 - Spring 1998 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/8rw7357r

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 131(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1998

### Copyright Information
Copyright 1998 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

50
יאָר
מדינת
ישראל

**131**

פרילינג
תשנ"ח

SPRING
1998

אַרויסגעגעבן פון:
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# אינהאַלט


משה שקליאַר: ליד ........................ 3

משה וואָלף: מיין חלום און די וואָר פון ישראל ........ 4

הדסה רובין: לידער ........................ 15

זיאַמע טעלעסין: לידער ........................ 16

רחל בויוואַל: לידער ........................ 18

שירע גאָרשמאַן: צוויי דערציילונגען ........................ 19

מ. אייזענבוד: קאַפּיטל פון דער נאָוועלע "פנינה" ........ 21

זכור - דער אויסברוך פונעם געטאָ־אויפשטאַנד ........ 26

יעקב גלאַטשטיין: לידער ........................ 30

בינם העלער: ליד ........................ 32

מ. זאב: וועגן משה שקליאַרס נייעם בוך ........ 33

צבי אייזנמאַן: לידער ........................ 38

פיניע פּלאָטקין: לידער ........................ 44

חנן קיעל: די רייכע קולטור־וועלט פון י. זילבערבערג־כּאָלעוואַ ........ 45

רבקה באַסמאַן בן־חיים: לידער ........................ 50

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן: לידער ........................ 51

עקיבא פישבין: די הגדה של פסח ........................ 52

שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש: "אָפּגעפּאַסט זיך" ........ 58

שרה טרייסטער־מאָסקאָוויטש: ליד ........................ 61

אליביידער: אַפאָריזמען ........................ 62

אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........................ 63

נ. שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 64

לילקע מייזנער: צו ריווע זאַלאָטאָרווס אַוועקגיין אין דער אייביקייט ........ 67

עקיבא פישבין: צו דער פּטירה פון קינסטלער מיכאל מילבערגער ........ 68

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן אין אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

Los Angeles, Calif. 90035 • 1525 S. Robertson Blvd.

אָדער טעלעפאָנירט 2007-552 (310)



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7
L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# חשבון

נומ. 131

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

משה שקליאַר: רעדאַקטאָר

ישראל גובקין: מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

52־ער יאָרגאַנג, נומער 131 • פרילינג 1998 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


משה שקליאַר

## שלום דיר!

שלום דיר, ישראל, שלום,
שלום דיר, דו דאַרפסט דעם שלום,
וועגן אים האָט פאָלק געחלומט,
פאַר אים האָט פאָלק מיט בלוט געצאָלט,
און צאָלט און צאָלט דער וועלט.
אין ים דער שונא האָט געוואָלט
דיך וואַרפן, צעשטערן דיין געצעלט,
וואָס געבויט דו האָסט מיט שווייס.

מיט דרייסטע טריט דו גייסט און גייסט
פאָרויס צו נייע אַלץ פאַרמעסטן
און שטערונגען די סאַמע גרעסטע
ביסט גובר אויף דיין וועג.
פון מדבר האָסטו שטיק נאָך שטיק
אַרויסגעריסן, און פון ים דו האָסט דעם ברעג
אין בליענדיקע שטעט פאַרוואַנדלט.

דו האָסט אַדורכגעלייגט אַ בריק
פון טויט אין געטאָ־בראַנדן
צו נייעם לעבן,
און אַזוי דו האָסט געגעבן
אַ תיקון פונעם פאָלק דעם חלום.
שלום דיר, ישראל, שלום,
שלום דיר, דו דאַרפסט דעם שלום!

משה וואָלף

# מיין חלום און די וואָר פון ישראל

## (צום 50־יאָריקן יובל פון מדינת ישראל)

...דער חלום פון יונגע יאָרן
איז שטאַרקער פון אַלטער וואָר.
די וואָר אַליין זאָל ווערן
דער חלום פון אַ נייעם דור"
(ה. לייוויק. "אונדזער חלום")

נאָך פון די גאָר אַלטע צייטן איז באַוווּסט, אַז דער חלום איז איינער פון די שווינדיקסטע נאַטור־דערשיינונגען. אויף אים ווערט געזאָגט, אַז ער פליט מיט אַ ריזיקער שנעלקייט – "כחלום יעוף". דאָס איז טאַקע אַזוי – דער אינהאַלטרייכסטער חלום, וועלכער נעמט אַרום גראַנדיעזע רוים – און צייט־אָפּשניטן, דויערט נישט מער ווי געציילטע סעקונדעס. אָבער דאָס באַציט זיך נאָר צו דעם שלאָף־חלום. דער חלום, וועלכער קומט פֿאַר אין וואַכצושטאַנד קאָן זיך ציען לאַנגע, לאַנגע יאָרן פון אַ מענטשנס לעבן, אַפילו במשך עפּאָכעס פון אַ פֿאָלק און פון דער מענטשהייט, צו אַזאַ מין חלומות געהערט זיך אָן דער יידישער לאַנג־דורותדיקער טרוים וועגן שיבת ציון, וועגן דעם ווידער־אויפבוי פון מלכות־ישראל.

און ווייל במשך פון מיין גאַנץ באַוווּסטזיניקן לעבן האָב איך געוועבט מיין אייגענעם חלום און געהאַט די זכיה זיין אַ חודש אין לאַנד – אָטעמען מיט דער אוירא דישראל, זיך קוויקן מיט זיין שיינקייט און מיט זיינע גראַנדיעזע דערגרייכונגען; ווייטיקן צוזאַמען מיטן פֿאָלק מחמת זיינע פֿאַרלוסטן און באַגאַנגענע פּאָליטישע און אַנדערע פעלערן; – וועט אפשר פֿאַר דעם לייענער זיין אינטערעסאַנט מיין ווידוי וועגן מיין חלום און וועגן מיין באַגעגענען די וואָר פון אונדזער לאַנד, וואָס בויט זיך, פֿאַרגיסט בלוט און קעמפט פֿאַר קיום און שלום.

### א.

"ויחלום והנה סולם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה"
(בראשית, ויצא, כח: 12)
"האָט זיך אים (יעקב'ן מ.וו.) געחלומט, ערשט אַ לייטער
שטייט אויף דער ערד, און זיין שפּיץ גרייכט ביזן הימל"
(יידיש פון יהואש)

אַ חלום איז ווי אַ לייטער. יעדער בויט זיין לייטער לויט דער הויך פון זיין הימל און לויט זיינע השגות.

מיין חלום האָט זיך אָנגעהויבן זייער פרי – אפשר נאָך פריער ווי איך בין געקומען צום זינען. ביז היינט ברומט אין מיר דער ניגון פון דעם וויגליד, וואָס מיין מאַמע פלעגט מיר זינגען פֿאַרן שלאָף: "שכב הרדם בן לי יקיר, לך ארבר שיר". און צוזאַמען מיט דעם טרויעריקן ניגון האָט זיך באַזעצט אין מיין קינדערישער נשמה אַ געפיל פון בענקעניש צום לאַנד, ווו "אבותנו הקרמונים לפנים גרו שם", געפּאָרט מיט טרוים און האָפענונג, אַז מיר וועלן נאָך זיך אומקערן אַהין.

דער דאָזיקער טרוים און די האָפענונג האָבן באַקומען נייע פאַרבן, ווען צו 4 יאָר איז אַריין אין מיין לעבן מיין פּריוואַטער לערער, דער מרא דאתרא, הרב ירוחם מייזעלס. ער

האָט אָנגעהויבן מיך לערנען דאַוונען. און, פֿאַר איינוועגס - יידיש. אָנגעהויבן האָט ער נישט פֿון די ערשטע סדור־ווערטער "מה טובו אוהליך יעקב", נאָר פֿון דער לעצטער שמונה־עשרה תפילה - פֿון "ותחזנה עינינו בשובך לציון ברחמים" און פֿלעגט דאָס פֿאַרטייטשן מיט פּשוטע, וואַרעמע און צוגענגלעכע יידישע ווערטער, מיט ליבע און גוטסקייט. יעדער שיעור פֿלעגט זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ מעשה, אַ באַפּוצטע מיט ווערטלעך פֿון משלי, מיט אויסצוגן פֿון שלום־עליכמס "שיר השירים", פֿון שלום אַש "אויפֿן וועג קיין בית־לחם", און אויך פֿון הלל צייטלינס "געזאַנג לכבוד ירושלים עיר הקודש".

און דאָס אַלץ האָט געררייצט די קינדערישע פֿאַנטאַזיע, געמאַכט שאַרפֿער דעם זכרון, באַרייכערט דעם גענאַנק וועגן דעם הייליקן לאַנד.

אָבער פֿליגלען האָט דער טרוים באַקומען, ווען איך בין אָנגענומען געוואָרן אין דער העברעישער גימנאַזיע "תרבות". שוין דער אַריבערגאַנג פֿון טאָגטעגלעכן מאַמע־לשון אויף לשון קודש, דער אונטעררריכט פֿון אַלע דיסציפּלינען (אַ חוץ פּוילישע ליטעראַטור, פּוילישע היסטאָריע און געאָגראַפֿיע) אין העברעיש, האָט אונדז, יונגע קינדער, שטאַרק באַווירקט און האָט אָנגעוויזן, אַז דער "לשנה הבאה בירושלים" איז ניט נאָר אַ מחזור־ווונטש, נאָר אויך אַן אָנזאָג אויף מקוים צו ווער במהרה בימינו.

און אונדזערע לערערס פֿון העברעיש, תנך און היסטאָריע האָבן מיט ענטוזיאַזם און בראשית־דיקן פֿלאַם געקאָוועט פֿון אונדז הייסע פּאַטריאָטן פֿאַר דער צוקונפֿטיקער ישראל־מדינה.

אַ ביז גאַר טיפֿע ווירקונג אויף אונדזערע חלומות האָבן געהאַט די פּאָעזיע פֿון נחמן ביאַליק. שאול טשערניכאָווסקי, שמעונאָוויטשן, פֿייגענבערגן א.א. די דאָזיקע לידער צוזאַמען מיט דער ווונדערבאַרער וויזיאָנערישער דיכטונג פֿון אונדזערע נביאים (ישעיהו, ירמיהו, יחזקאל) האָבן צעפֿלאַקערט אונדזער פֿאַנטאַזיע, און האָבן אונדז געטראָגן "אַהין, אַהין, ווו מיר זענען דאָ / און זענען נישטאָ" (משה שקליאַר) - צו אונדזער לאַנד.

אָבער אַ באָרן אונטער די פֿיס, האָט דער חלום באַקומען נאָר דעמלט, ווען איך בין געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער לינקער ציוניסטישער פּאַרטיי "השומר הצעיר" (1936), פֿון ישראל איז אָנגעקומען אַ שליח, אַ ברייטפּלייציקער, שלאַנקער בחור מיט אַ בראָזענעם פּנים, מיט ברייט צעעפֿנטע שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן שטענדיק געקוקט אַריבער אונדז, ערגעץ אין די ווייטן.

אָנגעהויבן אונדז דערציען האָט דער שליח מיט לידער וועגן דער שיינקייט פֿונעם לאַנד, פֿון זיינע בערג און טאָלן, וועגן דעם עמק יזרעאל און דעם "ים כנרת שלי":

אויף זומער־וואַקאַציעס האָט ער אונדז אַוועקגעפֿירט אין אַ קעמפּ, וואָס האָט זיך געפֿונען עטלעכע קילאָמעטער הינטער דער שטאָט. די טעג זענען געווען אָנגעפֿילט מיט אינטענסיווע איבונגען, מיט אַ ספּעציעלער פּראָגראַם פֿון פֿאַרשידענע (העברעישע און אויך יידישע) לעקציעס און רעפֿעראַטן וועגן ציוניזם, בכלל, און סאָציאַליסטישן ציוניזם, רעוויזיאָניזם, רעליגיעזע און אַנדערע פּאַרטייען, בפֿרט. אין די אָוונטן פֿלעגט ער אונדז צונויפֿנעמען אַרום אַ פֿייער־שייטער און פֿירן שמועסן וועגן דעם לעבן אין די קבוצים און די ניי אויפֿגעקומענע מושבות; וועגן דעם, ווי עס איז שווער און ניט זעלטן געפֿערלעך צו זיין "אַ ייד" אין ישראל - ביי טאָג אַרבעטן אויף די כבישים, אָקערן די פֿעלדער, טרוקענען די בלאָטעס פֿון דער חולה, באַוואָסערן די פֿאַרנאַכלעסיקטע,

וויסטע ליימיקע און שטיינערדיקע ערד; דערנאָך, אין די פינצטערע נעכט באַשיצן דאָס לאַנד פון די פּאַלעסטינער טעראָריסטן. די אָוונטן פלעגן זיך פאַרענדיקן מיט אַ ברענעדיקן הורה־טאַנץ: /"אין זה פלא, אין זה פלא / אם ישנם לילות כאלה. / איך אפשר לא לרקוד, הורה שכזאת / (ס'איז ניט קיין וווּנדער, ס'איז ניט קיין וווּנדער /אויב ס'זענען פאַראַן אַזעלכע נעכט / ווי קאָן מען ניט טאַנצן אַ הורה אַזאַ /.

דאָס אַלץ פלעגט כישופן און אָנפילן אונדזערע יונגע הערצער מיט אָנוואַקסענדיקן ווילן: עולה זיין און אומבאַרינגט אָנקומען אין אַ קבוץ.

אויף אונדזער ציון־חלום האָט אויך שטאַרק געווירקט די אינערלעכע פּאָליטישע סיטואַציע אין פּוילן. נאָך פּילסודסקיס טויט (1935) האָט זיך שטאַרק פאַרשאַרפט דער אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד. די אַנטיסעמיטישע געזעצן, די פּאָגראָמען אין פּשיטיק, טשענכסטאָכאָוו, בריסק און ביאַליסטאָק, די באַגרענעצונגען (numerus clausus און numerus nullus) פאַר יידישע קינדער אָנצוקומען אין די אוניווערסיטעטן, די אַרויסגעשטעלטע פאַשיסטישע פּיקעטן ביי די טירן פון יידישע קראָמען און די ניט אויפהערנדיקע פיינטלעכע אויסגעשרייען פון די פּוילישע ענדעקעס.

דאָס אַלץ האָט נישט נאָר אַרויסגערופן ווייטיק, צאָרן און פּראָטעסט, נאָר אויך דראַנג וואָס גיכער פאַרלאָזן דאָס פּוילישע לאַנד. און יעדער איינער, וועמ עס האָט נאָר געהאַט די מעגלעכקייט, האָט זיך געלאָזט אין וועג.

אין 1938, נאָכן פאַרענדיקן די גימנאַזיע האָב איך געפּרוּווט פאַרווירקלעכן מיין טרוים. אָבער אויף הכשרה, מחמת מיין יונגן עלטער (16 יאָר און 4 חדשים), האָט מען מיך ניט אָנגענומען, אַזוי אַרום בין איך אָנגעקומען אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט (מעדיצינישן פאַקולטעט), אין וועלכן איך האָב צוזאַמען מיט די אַנדערע יידישע סטודענטן, שטייענדיק (אַלס פּראָטעסט קעגן דער פאַראָרדענונג, זיצן נאָר אויף די



דער מחבר משה וואָלף ביים כתל המערבי

געל־געפּאַרבטע בענק אין די לעצטע רייען) געהערט די לעקציעס און דאָס בייזע צישעריי פון אונדזערע פּוילישע "קאָלעגן און קאָלעזשאַנקעס": "זשידזשי דאָ פּאַלעסטיני"!

און אין אַ יאָר אַרום, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, האָט זיך איבער די פּוילישע הימלען צעטראָגן דער שווידערלעכער רעש פון די דייטשישע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן מיט באָמבעס און פייער צעשמעטערט די געביידעס, די פּוילישע אַרמייען און צוזאַמען מיט זיי דאָס יידישע האָב און גוטס, דאָס יידישע לעבן און אַלע ניט פאַרווירקלעכטע חלומות. עס האָט זיך אָנגעהויבן די 2־טע וועלט מלחמה, און צוזאַמען מיר איר – די שבעה מדורי גיהנום און דער חורבן בית שלישי פונעם יידישן פאָלק.

*

צוויי מאָל בין איך נצל געוואָרן! דאָס ערשטע מאָל – אַנטלאָפן פון וואַרשע, ווו איך האָב איבערגעלאָזט דעם קבר פון מיין געהרגנטן טאַטן. דאָס צווייטע מאָל (יוני 1941) פון מערב־אוקראַינע (קאָוולע וואָלינער געגנט), ווו עס זענען אומגעקומען מיינע זיידעס און באָבעס, די מאַמע, דער ברודער, 2 שוועסטערלעך און נאָך, אַרום 40 קרובים.

דער גורל האָט מיך פאַרוואָרפן אין סאָוועטישן "גן עדן", אין דער רוסישער שטאָט סטאַלינגראַד. דאָרטן, געליטן פון הונגער און קעלט, פון שפּראַך־שטומקייט און עלנטקייט. אין די נעכט, אין פאַרט, געאַרבעט אַלס אַ טרעגער, ביי טאָג געקנעלט מעדיצין אין דעם אָרטיקן מעדיצינישן אינסטיטוט.

אַלס אַ דאָקטער בין איך אַוועק אויפן פראָנט, געוואָרן שווער פאַרוונדעט און אַ שווערע מרה שחורה האָט איינגעהילט מיין געמיט: "מיין הימל" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער ערד. מיין לאַנגיאָריקער וואַר־חלום איז צעגהריגט געוואָרן. בלויז אייניקע שפּליטערס זיינע האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין די שפּאַרונעס פון מיין צעבלוטיקטן האַרץ. און נאָר אין די אומרויקע שלאָף־שעהן פליגן זיי ווי שדים אַרויסקריכן פון זייערע נאָרעס און זיך פאַרוואַנדלען אין אויסטערלישע זעוגען.

...נאָך 40 צעשיידונג־יאָרן, אין 1979, האָב איך געפונען מיין קוזינע מרים אין חיפה. זי האָט געפאָדערט איך זאָל תיכף ומיד עולה זיין. אָבער, ביז סוף 1991 האָב איך נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך רירן פונעם אָרט. ערשט אין 1994, 3 טעג פאַר פסח, בין איך געקומען באַזוכן מיין אויסגעטרוימט לאַנד.

### ב.

"און משה נאָך פערציק יאָר וואַנדערן
האָט פון באַרג־שפּיץ
דערזען דעם ברעג פונעם לאַנד,
צו וועלכן עס וואָגלט דער אייביקער ייד"
(י. לאַצמאַן, "ווי אין תנ"ך". "ביי זיך". תל אביב, 1972, ז. 29)

דער אל על עראָוואָקזאַל איז פול מיט יידן: מענער און פרויען, אַלטע און יונגע. עס הערט זיך אַ געמיש פון פאַרשידענע שפּראַכן. די אויפמערקזאַמקייט ציען צו זיך צו יידן מיט בערד און פּיאות, אָנגעטאָן אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, יאַרמעלקעס – ווער אין שוואַרצע שליאַפּעס און ווער אין שטריימלעך. צוזאַמען מיט זיי גייען "משהלעך, יאַנקעלעך און שלמהלעך מיט ציצותלעך און פּיאהלעך", וועלכע רעדן און אַמפּערן זיך אין... יידיש. צווישן המון פאַסאַזשירן שמייען אַרום יונגע יאַטן און מיידלעך פון דער

זיכערהייט־דינסט. מיט בויערנדיקע אויגן באַטראַכטן זיי די פּנימער און דעם אַלגעמיינעם אויסזען פון די פּאַסאַזשירן.

...דער ריזיקער "באָינג" איז איבערגעפולט. נאָר אַ העלפט פּאַסאַזשירן זיצן אויף זייערע ערטער. אַנדערע שטייען אין די דורכגאַנגען. מען שטופּט זיך, מען שלעפּט אַרויס פאַרשידענע פּעקלעך, אַנדערע שטייען, זשעסטיקולירן און וויצלען זיך מיט זייערע פריינט, וועלכע געפינען זיך אויף אַ ווייטן מהלך. אין אַ ווינקל שטייען יידן מיט סדורים אין די הענט דאַוונען מנחה. און די קינדערלעך, געזונט זאָלן זיי זיין, לויפן אַהין און צוריק, שפּילן זיך, קלעטערן איבער די שטולן, פּלאָנטערן זיך אונטער די פיס, פּילן אָן די לופט מיט געלעכטער און פרייד.

מיט גרויסע שוועריקייטן גיט זיך איין באַרויקן דעם צערודערטן בינשטאָק און אָנהאָדעווען אים מיט אָוונטברויט. אָבער באַלד נאָך דעם חזרט זיך איבער דאָס אייגענע און אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַן איבערגעפולטער מיט מאָרנע געפילן שלאָפט זיך ניט. עס הייבט שוין אָן שאַריען. די אויגן פאַרמאַכן זיך, די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך און ווערן אַלץ שיטערער און קורצער, און...

איך שטיי ביים אָפּריס פון אַן אָפענעם ברידער־קבר, פון אים באַוויזט זיך מיין זיידע. ער איז איינגעהילט אין אַ פאַרבלוטיקטן טלית און אויף אים אַ געלע מגן־דוד לאַטע. ער דוכנט און בענטשט: "י ב ר כ ך". איך וויל לויפן צו אים אָבער 2 סטואַרדעסעס פאַרשטעלן מיר דעם וועג.. איך אַמפּער זיך מיט זיי און שריי, און שריי...

איך פיל, מען וועקט מיך. אַ יונגער מאַן מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, קוקט אויף מיר און שמייכלט: – "זייט מוחל. פון אייער שרייען "שמע ישראל" האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איר וועט ניט זיין קעגן דאַוונען שחרית. קומט מיט מיר!

...אין אַ שעה אַרום האָט דער מעכטיקער "באָינג" זיך צעזונגען: "הבאנו שלום עליכם" און האָט אָנגעהויבן גלעטן מיט זיינע רעדער די ערד פון בן־גוריון פליפעלד. נאָך כמעט 60 יאָר צעשיידונג געפין איך זיך אין די אָרעמס פון מיין שוועסטערס טאָכטער און איר מאַן זולי. ביטערע טרערן רינען פון אונדזערע אויגן. זייערע 3 קינדער – און נאָך מער זייערע 5 (פון 10) דערוואַקסענע אייניקלעך, געבוירענע אין ישראל – (סאַברעס און געוועזענע אַרמייער) באַגריסן מיך העפלעך, נאָר אָן סענטימענטן. אין זייער פאַמיליע־אויטאָ פירן זיי מיך אַהיים, קיין חיפה. זיי וועלן זיין מיינע וועגווייזער בעת מיין אויסקוקן דאָס לאַנד.

* * *

שרייבן וועגן ישראל איז זייער שווער, ווייל אַלץ איז דאָ דרייפּאַכיק. אַלץ וואָס ליגט אויף דעם אוינערפלאַך האָט זיינע וואָרצלען, וועלכע דרינגען אַריין אין די טיפן (זיין פאַרגאַנגענהייט). און האָט אויך צווייגן, וועלכע האַלטן אין איין ציען זיך עד שמי השמים (זיין צוקונפט) דערצו נאָך, איז דאָס אויפנעמען פון דער ישראלדיקער וואָר זייער סוביעקטיוו – אַפילו רוים און צייט נעמען זיך אויף דאָ אַנדערש, ווי אין דערווירקלעכקייט – יעדער איינער געפינט דאָ זיין אייגן ישראל־לאַנד.

ישראל איז אַ לאַנד פון קעגנזעצלעכקייטן: עס איז זייער אַלט און ביז גאָר ניי, קליין און גרויס, אָרים און רייך: אַ לענדלעל פון גרויסע שטעט און קליינע דערפער, פון בליענדע גערטנער און זאַמדיקע מדבריות, פון פאַרשיידענע זיסע פּירות און זאַלץ־וואַסער: אַ לאַנד, וועמענס שטאַרקסטער באַגער איז שטענדיק געווען (און פאַרבלייבט) שלום, מוז, אָבער פירן בלוטיקע קאַמפן פאַר זיין קיום.

ישראל איז אַ אַ ווונדערלאַנד – און דער ערשטער גרויסער חידוש: אַלץ, וואָס עס איז פֿאַרשריבן אין אונדזער אוראַלטן הייליקן בוך, איז שריר וקים. הגם די צייט און די שטורמישע געשעענישן, וואָס זענען זיך פֿאַרלאָפֿן פֿאַר די הונדערטער און טויזנטער יאָרן האָבן איבערגעלאָזט אויף זיין גוף און נשמה זייערע טיפֿע שפּורן.

ישראל איז אַ לאַנד פֿון בערג און בערגעלעך. די בערג זענען ניט קיין וואַלקנקראַצערס, זיי זענען זייער אַלט און משופּעדיקע. אויף זיי דאַרף מען ניט קריכן, אויף זיי קאָן מען אָן איבעריקע אָנשטרענגונגען, אַרויפֿגיין. אויף די שפּועים וואַקסן תנכישע, עלנטע, נישט הויכע, מיט צוגעפּלעטשטע קרוינען, פֿייגנביימער. לאַרכנביימער און בלעטער־וועלדלעך. געפֿינענדיק זיך אויף אַזאַ באַרג (בערגל). הויבט זיך אָן דאַכטן, אַז דו שטייסט אויף דעם שפּיץ פֿון "יעקב'ס לייטער", וועלכער דערגרייכט צום הימל – צו... גאָט אַליין. די געדאַנקען און די אַסאָציאַציעס ווערן דאָ ברייטער און רייכער. דער אַרומיקער פּייזאַזש ווענדט נישט אָפּ די אויפֿמערקזאַמקייט, פֿאַרקערט! – ער העלפֿט זיך קאָנצענטרירן און זיך באַזייטיקן פֿון דער הבל הבלימדיקער וועלט.

און צווישן די בערג ציען זיך טאָלן, פּילפֿאַרביקע גערטנער, וויינגערטנער, סעדער פֿון אַלערליי אויבסטן און בלומען־טעפּיכער – אַלע באַנעצטע מיט דעם זעת אפּים פֿון כמעט 5 מיליאָנען יידן, אָנגעקומענע אין לאַנד, באַזונדערס – פֿאַר די לעצטע 50 יאָרן פֿון דעם ווידער־אויפֿקום פֿון מדינת ישראל.

אויף די בערג און בערגעלעך, אומעטום וואַלגערן זיך שטיינער – ווייסע, קרעמאָווע, העל־בלויע און ראָזעווע – שטיינער אָן אַ צאָל. זיי ווערן אויסגענוצט ווי בוי־מאַטעריאַל. אַ סך שטיבער זענען אויפֿגעבויט אָדער באַדעקט מיט ציגל און פּליטקעס פֿון. אָט די שטיינער.

* * *

חיפה איז איינע פֿון די 3 גרעסטע שטעט אין ישראל (די שטאָט פֿאַרמאָגט איצט אַן ערך 259 טויזנט איינוווינערס (פֿון זיי 252 טויזנט – יידן). חיפה איז אַ גרויסער אינדוסטרייעלער צענטער, דער גרעסטער ים־פּאָרט אין לאַנד – די איינציקע שטאָט אין לאַנד, ווו דער געזעלשאַפֿטלעכער טראַנספּאָרט אַרבעט אַפֿילו אין שבת. חיפה האָט זיך צעשפּרייט איבער דעם באַרג־פּאַס "כרמל". 3 יאַרוסן פֿון פּילפֿאַרביקע הייזער צעטיילן די שטאָט אויף 3 ראַיאָנען: אויפֿן סאַמען שפּיץ פֿון באַרג – דער כרמל־ראַיאָן, נידעריקער – דער "הדר" (שיינהייט") און דער נידעריקסטער – פֿאַזע דעם ברעג פֿון ים – דער "חוף" (דער "פּאָרט").

פֿעלדזן און ביימער־קופּעס, דער חיפה –אויסגוס פֿונעם מיטללענדישן ים און דער העל־בלויער הימל שאַפֿן אַ פּראַכטפֿולע לאַנדשאַפֿט. ניט אומזיסט איז חיפה דאָס באַליבטע קינסטלער־לאַנד, אין וועלכן עס לעבן און מיען זיך הונדערטער באַרימטע פּראָפֿעסאָרן און וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשערס...

חיפה איז באַוווסט ווי די עיר המקלט פֿון טויזנטער און טויזנטער פּליטים, אָנגעקומענע באַלד נאָך דער 2־טער וועלט־מלחמה אויף אַלטע, צעשעדיקטע שיפֿלעך, אָן און קעגן דער דערלויבעניש פֿון דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט. אַ סך פֿון זיי זענען דערטרונקען געוואָרן, נאָך מער – אינטערנירט אין ספּעציעלע לאַגערן. כדי צו פֿאַראייביקן דעם זכר פֿון דער דאָזיקער אָדיסייאַדע איז אין חיפה אויסגעבויט געוואָרן אַ רייכער און אינטערעסאַנטער מוזיי "מעפּילים". אין דער שטאָט פֿונקציאָנירן אויך אַנדערע מוזייען און טעמפּלען פֿון פֿאַרשידענע אמונות. פֿון זיי טיילט זיך אויס דער

באכיי־טעמפל - דער וועלטלעכער צענטער פון דער באַכיי־רעליגיע, וועלכער פראָפּאַגאַנדירט. אַז ס'איז דאָ נאָר איין גאָט און ס'דאַרף זיין נאָר איין רעליגיע.

דער היפוך פון חיפה איז די נייע, מאָדערנע שטאָט תל־אביב, וואָס האָט פאַר די לעצטע 50 יאָר זיך צעוואַקסן און פראַקטיש זיך פאַראייניקט מיט דער אוראַלטער שטאָט יפו. עד היום טראָגט יפו אויף זיך אומפאַרגלעטע שפורן פון די מלחמה־שטורמען, וואָס האָבן חרוב געמאַכט אירע הייזער און טורעמס. פון די דאָזיקע צייטן זענען פאַרבליבן פאַרשידענע פעסטונג־טויערן, קברים־אוהלן. מעטשעטן, מינאַרעטן, מאָנאַסטירן, קלויסטערס און שילן. איצט איז יפו אַ גרויסע קראָם פון אַנטיקוואַריאַטן - אַן עקזאָטיש אָרט פאַר טוריסטן.

ביי טאָג זענען די גאַסן כמעט ליידיק. נאָר די קינדערלעך, שפּילן זיך זאָרגלאָז פאַר די הייזער, ווי פאַרביקע שמעטערלינגען שפרינגען זיי אַרום, זינגען און טאַנצן, און פילן אָן די גאַסן מיט פרייד.

ביי נאַכט לעבט די שטאָט אויף. עס צעפּעפּענען זיך די טירן און די פענצטערס. פון זיי טראָגן זיך מוזיק און געלעכטער. די רעסטאָראַנען און די גאַסן זענען פול מיט מענטשן. ניטאָ קיין אָרט, וווּ אַוועק צו שטעלן דעם אויטאָ. דער יפו־הימל - אַ שוואַרץ־באַרכעטנער פּרוכת, אַ באַפּוצטער מיט זילבערנע פונקען.

תל־אביב - "דאָס פרילינג בערגל". האָבן אין 1909 אָפּגעקויפט 60 יידישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן באַשלאָסן אַרויסציען זיך פון ענגן, רוישנדיקן און פיינטלעכן יפו, און בויען אַ נייע שטאָט. די ערשטע געביידע איז געווען די הערצל־גימנאַזיע. אַרום איר האָט זיך צעוואַקסן די גרויסע ישראל־שטאָט. היינט וווינען אין איר אַן ערך 400 טויזנט יידן.

תל־אביב - קליין פאַריז פון ישראל - מאַכט אַן איינדרוק פון אַ מאָדערנעם כרך. פילשטאָקיקע, שטאָלצע הייזער און האָטעלן, געבויט לויט דער לעצטער טעכניק, באַשיינען די גאַסן מיט זייערע בלויע וועראַנדעס. די העלע קאָלירן פון די הייזער, די פאַרשיידנפאַרביקע בלומען, וואָס וואַקסן אומעטום, און דער הימל, וואָס איז "בלויער פון בלאָ" באַגיסן די שטאָט מיט אַ וווּנדערלעכער העלער ליכטקייט. די גאַסן זענען איבערגעפולט מיט מענטשן. גרויסע עלעגאַנטע מאָדע - און סוווענירן־געשעפטן ציען צו צו זיך טויזנטער מענטשן. אין די אָוונטן פאַרפולט דער עולם די טעאַטערס און קאָנצערט־זאַלן, באַזונדערס דעם היכל התרבות. ער איז געבויט לויט דעם נייעסטן סטיל און גיט צו תל־אביב אַ סך שטאָלץ און שיינקייט.

מיט גרויס יראַת הכבוד פאָר איך אָנקוקן די צענדליקער מאָל פאַרברענטע און ווידער־אויפגעבויטע, העלדישע הויפּטשטאָט ירושלים. אַלע וועגן צו איר פירן באַרג־אַרויף - קיין ירושלים מוז מען "עולה רגל" זיין.

דורך פעלדער און וועלדער שלענגלט, זיך אַ שמאָלער וועג. ביי ביידע זייטן, ליגן קברים פון יידישע זין און טעכטער, פאַרזשאַווערטע קאַרקאַסן פון אויטאָס, האַרמאַטן און טאַנקען. זיי דינען ווי אַ זכר פון בלוטיקע קאַמפן. זיי שטייען ניט אויף פּאָסטומענטן - זיי שטייען דאָרט ווו עס האָט זיי אָפּגעשטעלט דער טויט.

דאָך, הערשט דאָ דאָס לעבן. אין דער לענג און אין דער ברייט ליגן פעלדער, ווי אָריענטאַלישע טעפּיכער, געפאַרבטע מיט אַלערליי שאַטירונגען - פון גרין ביז גאָלדיק ברוין. זיי גיסן זיך צונויף מיטן בלוי פונעם הימל און גינגאָלד פון דער זון. איבער די פעלדער אַרבעטן באַוועגלעכע וואַסער־שפּריצערס. זייערע שטראָמען טאַנצן

הין־און־צוריק, פינקלענדיק אונטער דער זון מיט קאָלירן פון אַ רעגנבויגן.

וואָס נאָענטער צו דער שטאָט אַלץ אָפטער טרעפן זיך באַוואָפנטע זעלנער - הויכע, שלאַנקע, פאַרברוינטע יונגען און מיידלעך. זיי האַלטן זיך זייער פשוט, לייכט, רויק און זיכער - זיי זענען די באַשיצערס און די בעלי־בתים פונעם לאַנד.

און אָט איז שוין ירושלים מיט אירע 600 טויזנט איינוווינערס. איר צענטער - די אַלטשטאָט - פאַרנעמט בסך־הכל אַ שטח פון 1 קוואַדראַט קמ. גאַנץ פרי פאַרפילן די שמאָלע גאַסן המונים מענטשן - דאָס רוב טוריסטן: ציווילע מענער און פרויען אין קורץ־אַרבלדיקע פילקאָלירנדיקע בלוזעס און אין קורצע שאָרטן; חסידים מיט בערד און פּאות, אין שוואַרצע אָדער אין ווייסע קאַפּאָטעס. אויף זייערע קעפּ - שוואַרצע קאַפּעליושן אָדער פוטערנע שטריימולעך. זייערע פרויען - אין לאַנגע שוואַרצע סיצענע קליידער און אין שוואַרצע זאָקן. נאָך זיי ציען זיך כאָפּטעס קינדער; זעלנער - יינגלעך און מיידלעך מיט ביקסן־אויטאָמאַטן. אייניקע פון זיי - מיט יאַרמעלקעס אויף די קעפּ; אַראַבער מיט ווייסע קאָפּטיכלעך, אַרומגעבונדענע מיט שוואַרצע בענדלעך; מאָנאַכן און מאָנאַשקעס מיט ריזיקע צלמער אויף זייערע שוואַרצע מאַנטלען: בעדוינער מיט זייערע גרויסהאַלטערישע קעמלען; צויבערנדיקע קליינינקע האָרעפּאַשנע אייזלען - אַ הויכער טורעם פון קעסטלעך, 4 רינע, ציטערנדיקע פיסלעך, 2 לאַנגע אויערן און גרויסע, ברוינע און טרויעריקע אויגן.

אין אַן עק פון אַ געסל - אַ וואַכפּאָסט פון זעלנער. אויפמערקזאַם קוקן זיי איבער ביי אַלע די טאַשן, רידיקולן און בייטעלעך. נאָך דעם קאָן מען שוין גיין צום כותל מערבי. ס'באַווייזט זיך אַ ביז גאָר ברייטער, רחבותדיקער הויף, אַ פאַרגאָסענער מיט זון און מיט שיין. אין דער טיף פונעם הויף - אַ הויכע, צונויפגעלייגטע פון ריזיקע פירעקיקע, געטעסעטע שטיינער, וואַנט, און אַרום איר - טויזנטער מענטשן. פאַר דעם אַריינגאַנג - אַ מחיצה: לינקס - מענער, רעכטס - פרויען. האַרט ביי דער וואַנט שטייען מענטשן און דאַוונען. אייניקע גלעטן צערטלעך די ריזיקע וואַנט־שטיינער, רוקן אַריין אין די שפּאַלטן פּאַפּירעלעך - בקשות צום רבונו של עולם. אָפּגעזונדערט שטייען טישן. אויף זיי - הייליקע ספרים. יידן אין טליתים און יאַרמעלקעס בלעטערן זיי גאָטפאָרכטיק, שאָקלען זיך און בוקן זיך. אין דער אַנדערער זייט פון דער מחיצה אַ המון פון פרויען. אַ סך פון זיי. מיט אויפגעהויבענע קעפּ און הענט שרייען. דראָען עמעצן מיט זייערע פויסטן. וויינען, רופן אויס די נעמען פון זייערע דערהרגעטע קינדער, בענטשן די לעבעדיקע און שעלטן די שונאים. פלוצעם ווערט שטיל. צום כותל דערנענטערן זיך 200 אָנגעטועטע אין טליתים כוהנים. יעדער טאָג. 10 אין דער פרי קומען זיי אַהער דוכענען און בענטשן דאָס פאָלק פון ישראל:

-"יברכך" -זיי געבענטשט!... און "וישם לך שלום" - פרידן דיר יידיש פאָלק און ישראל!

נאָר דאָ, קומט דער שאַרפער פאַרשטאַנד פון דער חשיבות פונעם כתל אין דער היסטאָריע און זיין ווערט אין דעם היינטיקן לעבן פון דעם יידישן פאָלק: -פון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבן דער יידישער גלות, און דאָ האָט ער זיך פאַרענדיקט! דער כותל סימבאָליזירט דעם אָנהייב פון שיבת ציון און אונדזער פולע רעכט אויף ארץ ישראל! דער כותל מערבי איז דער סימבאָל פון דעם פרייען און אומאָפּהענגיקן ישראל אויף מזרח פון כתל געפינט זיך דער הר הזיתים. אויף אים וואַקסן אַ סך איילבערטן. דער באַרג איז באַדעקט מיט פאַרשידענע טעמפּלען, קברים, און הייליקע ערטער פון די

נביאים, פון די באַרימסטע תנאים און גאונים. דאָ רוען די 48 קדושים, וועלכע זענען געפאַלן אין די שלאַכטן פאַר אומאָפּהענגיקייט און אין דער יום־כּפּור מלחמה.

אויף מערב הויבט זיך אָן דער יידישער טייל פון ירושלים. באַזונדערס טיילט זיך דאָ אויס די בן־יהודה גאַס. זי איז פאַרמאַכט פאַר טראַנספּאָרט. דאָ קאָן מען נאָר שפּאַצירן, שטיין, אָדער זיצן אַרום די טישלעך. אַרויסגעשטעלטע אין דרויסן פון די אָנצאָליקע קאַפּעטעריעס. דאָ טרעפן זיך פריינט און באַקאַנטע: מען עסט, מע טרינקט, מען שמועסט. אין דער גאַס שפּילן מוזיקאַנטן, ס'רוב פון זיי - נייע עולים. אָט שטייט אַ באַוווסטע מאָסקווער פידלערין. זי שפּילט מענדעלסאָנס "מעלאָדיע אָן ווערטער". אויף דער ערד - אַ טעלערל. אייניקע פאַרבייגייערס וואַרפן אַריין אין אים מטבעות. פון יעדן זייער קלינג ציטערן אויף דער פידלערינס פינגער, פאַרקרומט זיך איר פּנים, און פון אירע מאַנדל־אויגן קייקלען זיך קרישטאָלענע טרערן.

עס פאַרקלעמט דאָס האַרץ און איך אַנטלויף פון דער גאַס.

מערב־זייט איז די פאַרקערפּערונג פון הייַנטצייטיקן ירושלים. אויף מאָלערישע טעראַסן שטייען וווּנדערשיינע בנינים, מלוכה־געביידעס, פּאַרקן, וווין־מאַסיוון. די גאַסן זענען דאָ ברייטע. די געביידעס אַנדערש - מער סאָליד און אַריסטאָקראַטיש, די באַוועגונג - אַ גרויסע. אָבער ניט מיט אַזאַ רעש און שווונג ווי אין תּל־אביב.

די כנסת - דער ישראל פּאַרלאַמענט - אַ פּלאַכדאַכיקער, עלעגאַנטער און גראַציעזער מאָדערנער בנין, "אַ ליאַ אַקראָפּאָל", לאָזט איבער אַ זייער טיפן איינדרוק.

אַ ביז גאָר גרויסן רושם מאַכט אויף דער נאַציאָנאַלער ישראל מוזיי. ער איז נאָך יונג (30 יאָר אַלט). אין מוזיי זענען פאַראַן אַלטערטום - און עטנאָגראַפיע־אָפּטיילונגען. עגיפּטישע סאַרקאָפאַגן, מומיעס, אינדיאַנישע שטובזאַכן און יאַפּאַנעזישער פּאָרצעטיי. אַ רייכער אָפּטייל, געווידמעט דער יידישער קולטור. אין די מאָלעריי־זאַלן, צווישן אַנדערע - רעמבראַנדט, רענואַר, וואַן גאָג, מאָדיליאַני, פּיקאַסאָ, שאַגאַל און לעוויטאַן. אין דרויסן אויף די טעראַסן אַרום דעם מוזיי - אין דעם "סקולפּטורן סאַד" - ראָדען, מאַיאָל, מאַטיס, הענרי מור א.אַ. עטוואָס ווייטער, אונטער דער ערד - דער ספר־היכל. אין אים ווערן אָפּגעהיט די אויטענטישע האַנטשריפטן פון ישעיהו הנביא און די קומראַן־מגילות. באַנאַנד מיט דעם שנייווייסן קופּאָל - "בני אור" - שטייט אַ הויכע וואַנט פון שוואַרצן באַזאַלט - "בני חושך". די ביידע קאָנסטרוקציעס סימבאָליזירן דעם אייביקן קעגנשטאַנד פון ליכט און פינצטערניש - פון גוטס און שלעכטס.

אויפן הר ציון געפינט זיך דער קבר פון דוד המלך. אין אַ הייל אויף אַ פּאָר טרעפּלעך, שטייט אַ גרויסער, לאַנגער קאַסטן, איבערגעדעקט מיט אַ טונקל־רויטן, איינגעפּעצטן דורך יאָרן פּליושענעם צודעק. אויף אים, אין לייכטערס, ברענען און טשאַדען ליכט. ניט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַן אַנדערע הייל. דאָ ליגן אָנגעהויפט איינע אויף די אַנדערע מצבות פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן: אין פאָרם פון מצבות האָבן די מיליאָנען קדושים, געפונען דאָ זייער תקון. ס'איז, אָבער, אַ בזיון צוצוקוקן ווי זיי ליגן אָנגעוואָרפן, ווי ברידער אין אַ מאַסן־קבר.

נידעריקער - הר הרצל - טעאָדאָר הערצלס קבר - אַ סקווער מיט גרינס און בלומען, איינפאַך און פּשוט, - ער לאָזט איבער אַ שטאַרקן איינדרוק. באַנאַנד - די קברים פון לוי אשכול און גאָלדע מאיר. נידעריקער, טרעפּנווייז, ציט זיך דער מיליטערישער בית עולם. די מצבות שטייען דאָ ניט - זיי ליגן. יונגע בחורים און מיידלעך האָבן דאָ זייער

רו געפונען. און עס דאַכט זיך, אַז אַפילו איצט, ליגנדיק אַזוי, באַשיצן זיי מיט זייערע קערפּערס די ערד, וואָס איז זיי אַזוי ליב געווען.

עטוואָס ווייטער שטייט אַ פאָנטאַן – אַ דענקמאָל פאַר די, וואָס זענען דערטרונקען געוואָרן. זייערע מצבות מיט זייערע נעמען רוען אין וואַסער פונעם פאָנטאַן. אַריינגעוואָרפענע מטבעות לויכטן ווי גאָלדענע פישעלעך, און נאַסע בינטלעך בלומען שווימען איבערן אויבערפלאַך און געפינען ניט קיין רו.

און לסוף, דער מעמאָריאַל יד ושם, פון די 6 מיליאָנען קדושים אין די ימי השואה: אַ הויכע, בעטאָן־וואַנט מיט אַ שטייף פאַרמאַכטן ריזיקן טויער – אַ פינקטלעכע קאָפּיע פון די טויערן פון אָשוויענטשים מיידאַנעק, בוכענוואַלד – רופט אַרויס אַ שוידער.

פון סאַמע אַריינגאַנג ציט זיך אַן אַלייע מיט די נעמען פון די חסידי אומות העולם – פון גויים, וועלכע האָבן ריזיקירט און אַפילו מקריב געווען זייער לעבן פאַר ראַטעווען יידן פון טויט; אין היסטאָרישן מוזיי – עקספּאָזיציעס פון אַלע שואה־עטאַפּן: די ערשטע נאַצי־פּאָגראָמען, די גאַז־קאַמערן, און אויוונס פון די טויט־לאַגערן; דער זכרון זאַל – אַ פינצטערער זאַל מיט אַ דרייקנדיקן סופיט, פון וועלכן, דורך אַ קליינעם לאָך, פאַלט ליכט אויף דעם מאָזאַישן דיל און באַלייכט די נעמען פון די 22 נאַצישע טויטלאַגערן. און אין צענטער – דער "נר תמיד" – דער "אייביקער פייער": פון אַ שרעקלעך־צעריסענעם, אייזערנעם לייכטער רייסן זיך אַרויס משונהדיקע פלאַמען – פאַרגליווערטער געשריי פון ווייטיק, שוידער און יאוש. עס ווילט זיך וואָיען, אָדער זיך קלאַפּן מיט דעם קאָפּ אָן דער שטיינערנער וואַנט.

דער "נעמען זאַל" – אַ לאַנגער, האַלב־פינצטערער מיט צענדליקער סטעלאַזשן, אויף זיי – גרויס־פאָרמאַטישע פאָליאַנטן, אין וועלכע ס'זענען פאַרנאָטירט 3 מיליאָן ווידער־אויפגעשטעלטע נעמען פון די געהרגעטע און פאַרברענטע קדושים. אין די ביכער – זייערע פאָטאָגראַפיעס און קורצע לעבנס אָנגעבונגען. די צאָל פון די דאָזיקע ביכער פלעפט; צווישן מוזיי און דעם זכרון זאַל, אויף דעם עק פון אַן אָפּריס – אַ מאָנומענט געווידמעט די קרבנות פון די טויט־לאַגערן – אַ שטיק שטעכ־דראָטיקער אָפּצוים פון אַ לאַגער און אויף אים געקרייצטע קערפּערס – סקעלעטן.

ס'איז ניט מעגלעך מער אויסצוהאַלטן.

דערשלאָגענע און פאַרגליווערטע, פאַרלאָזן מיר ירושלים. דעם גאַנצן וועג צוריק קיין חיפה האָט קיינער ניט אַרויסגעלאָזט אַ וואָרט פון מויל.

כדי צו פאַרבעסערן מיין געמיט, פירן מיך מיין קוזינקעס קינדער צו נאָך אַ שטיקל פראַכט פון לאַנד, קיין גליל. מיר געפינען זיך אין מטולה אויף דער העכסטער הייך און קוקן אַראָפּ פון דער שיינער, הערלעכער פּאַנאָראַמע, פון עמק יזרעאל – דער שפּייכלער און שפּייזער פון דער מדינה – קאָרן, ווייץ און אַנדערע תבואות, פּרעכטיקע גרינע פעלדער, פון אַלערליי קאָלירן און שאַטירונגען.

אונטן ליגט דער לעגענדאַרער ים־כנרת, ווי אַ דימענט, איינגעפאַסט אין אַ קרוין, שפּיגלט ער זיך מיט אַלערליי קאָלירן. איבער זיין אויבערפלאַך גליטשן זיך פישער־שיפלעך מיט ווייסע זעגלען אויפגעבלאָזטע פון ווינט. כוואַליעס הוידען און קערן די שיפלעך אויף רעכטס און אויף לינקס. די זעגלען בלאָזן זיך און פלאַטערן. פישער־הענט הייבן זיך צו באַגריסן אונדז, און די זון איז דאָ וואַרעמער ווי אויבן.

ניט ווייט פון כנרת געפינט זיך דער קבר פון דער באַוווסטער פּאָעטעסע רחל (בלאָושטיין, געבוירן 1890, אין רוסלאַנד, סאַראַטאָוו, נפטר געוואָרן 1931). צוקאָפּנס

פון דער מצבה שטייט אַ קליין קעסטעלע, אין אים ליגט אַ ביכל - אַ מאַנוסקריפּט פון רחלס פּרעכטיקע לידער, געווידמעטע דעם "ים כנרת שלי". זיי זענען איבערגעלייגט אויף מוזיק. די לידער זינגט מען אין ישראל און אין די תפוצות עד היום.

דער קבר זינקט אין קווייטן און איז אַרומגערינגלט מיט ביימער. דאָ איז שטיל און קיל. דאָ ווילט זיך טראַכטן און טרוימען.

מיט אַ העלן אומעט פאַרלאָזן מיר רחלס קבר - דאָס לעצטע אָרט פון מיין ישראל־באַזוך. און אין מיינע אויערן קלינגען רחלס פערזן:

"ואולי לא היו הדברים מעולם... ההיית או חלמתי חלום"

עד כאן...

* * *

פאַרענדיקנדיק דעם עסיי, מוזן מיר באַטאָנען, אַז מיר האָבן געקאָנט נאָר באַלייכטן אייניקע פאַקטן, וועלכע כאַראַקטעריזירן דעם עבר און די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דעם אויסגעחלומטן און אויסגעווייטיקטן לאַנד במשך פון דעם לעצטן יאָרהונדערט, באַזונדערס, פאַר די לעצטע 50 יאָרן פון זיין ווידערוּיפקום. אַ ריי זייער וויכטיקע פּראָבלעמען - די אָנגעשפּאַנטע געזלשאַפטלעכע. עקאָנאָמישע און אידעאָלאָגישע באַדינגונגען; די קאָמפּליצירטע פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד, גופא, און די באַציונגען פון דער מלוכה מיט אירע נאָענטע שכנים און מיט אַנדערע מלוכות אין דער וועלט; די געפערלעכע סיטואַציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם, אַזוי גערופענעם "אָסלאָ־שלום־אָפּמאַך" - די אַלע און אויך אַנדערע וויכטיקע פּראָבלעמען, זענען אינעם עסיי ניט באַריט געוואָרן. די דאָזיקע פּראָבלעמען וועלן (בלי נדר) באַהאַנדלט ווערן באַזונדער, אין קומענדיקן נומ. פונעם זשורנאַל.

דערווייל זאָל אונדזער באַשיידן וואָרט אַריינגענומען ווערן אין דעם קראַנץ ברכות, וואָס ס'שיקן צום 50־יאָריקן יובל דעם ישראל־לאַנד אַלע יידן און פּראָגרעסיווע מענטשן, פון דער גאָרער וועלט:

"ה' עוז לעמו יתן, ה' יברך את עמו בשלום" - "גיב גאָט דעם פאָלק שטאַרקייט און בענטש אים מיט שלום".

הדסה רובין / חיפה

# איבער יידישע גאַסן

פרייד,
אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף,
אַזאַ וואָס איז צווישן -
אויף איצט.

גיי איך איבער מיינע יידישע גאַסן,
הער זיך איין אין אַ לשון וואָס דערציילט צו מיר.
איך ענטפער אים, דעם לשון, און פריי זיך.
לאַך און וויין מיט זיך.

איך ווייס נישט פון וואָס ס׳איז מיר גוט.
פון וואָס איז מיר גוט? - פרעג איך ביי אַ דורכגייער.
שלום, גברת, - ענטפערט ער מיר נישט צו דער זאַך.
(און אפשר יאָ?)

נאָר נישט אומקוקן זיך אויף צוריק.
נאָר נישט פאַרלויפן די וועגן דער צייט.

איך גיי איבער מיינע יידישע גאַסן,
כ׳פיל זייער דפק -
ער איז דאָך געבונדן מיט אָדערן מיינע,
אין וועלכע חלום מאַכט לויפן דאָס בלוט.

איך גיי איבער גאַסן - נישט ווייט פון מיין היים.
דאָ האָט אָקערשט אַ ווייןגאָרטן געבליט.
אַזאַ גרינקייט.
די ריחות שטייען אַלץ נאָך אין לופט.
ניין, זיי שטייען נישט. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט.
(מיין גאָס, ווער האָט כוח צו בענקשאַפטן נייע?)

איך גיי איבער מיינע יידישע גאַסן,
לאַך און וויין מיט זיך.

*

איז וואָס
אויב אַ פירעק פון פענצטער איז מיר געבליבן,
נאָר אַ פירעק פון פענצטער?
שיין פאַלט אַריין דורך אַ שפּאַרע אַ קלענסטע,
אַזוי ווי דער קלאַנג, ווי די בלויקייט פון ווייטן.
איז וואָס אַז איך ווייס:
ערגעץ שוואַרצט זיך אַ וואָלקן און צייטיקט.
ביז וואַנען כ׳וועל הערן
געדאַנק מיט געדאַנק רופט זיך איבער,
וועט דער פירעק פון פענצטער וואָס איז מיר געבליבן,
זיין אָפן צו שטערן.

דעצעמבער 1997

זיאַמע טעלעסין

# אַ סאָנעט מיט איבעריקע שורות*)

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט
און מערער ניט געקענט האָב איך שווין שלאָפן.
די אויגן אין דער פינצטער האַלט איך אָפן
און נעם זיך איינקוקן אין זיך און טראַכט:

אָט האָב איך זיך אפשר אַראָפּגעבראַכט
פון דאָרטן, פון דעם קרירהדיקן צפון,
וווּ איבער מיר האָט אַ בייז אויג געוואַכט,
וואָס מיט רציחה איז געווען פאַרלאָפן.

אָך, ווי איך האָב אין יענעם לאַנד געשמאַכט -
אין לאַנד פון גאַזלאָוואָיע און פון בלאָפן.
נאָר דאַנקען גאָט ביי מיר האָט ניט געקראַכט
מיין טיפער גלויבן און מיין שטענדיק האָפן.

און כאָטש איך טייע אָפּ פונעם געפּריר,
און דאָרט געלאָזן כ׳האָב מיין טיפן טרויער,
איז הייסט עס ניט, אַז דאָ וועט מען פאַר מיר
צעעפענען איעדער טיר און טויער.

מיין שלאָפלאָזיקייט גיט מיר צו פאַרשטיין,
אַז טיר און טויער עפנט מען אַליין.

25־טער נאָוו. 1985

# יום־כיפור־מלחמה

פון די שעהן פון די פריסטע
ביז די שעהן ביז די שפעטסטע
איז מיין אויער ביים טראַנסיסטער
ביי די נייס די סאַמע לעצטע.

דער טראַנסיסטער אָנגעסטאַיעט
איז אויף דער מלחמה־כוואַליע.
לעבן מיר דאָ אין דער סאַליע
זיצט מיין רחלע פאַרטרויערט.

אָט אַזוי איז זי געזעסן
מיט מיין קינד אין יענע יאָרן,
ווייט אין הינטערלאַנד פאַרלאָרן –
ניט געטרונקען, ניט געגעסן...

כ'בין געווען אויף דער מלחמה –
אויף דער וואָלגע, ווייט פון דאַנען.
זי פלעגט זוכן אַ נחמה
אין די רייד פון לעוויטאַנען. 1)

1) לעוויטאַן – דער הויפּט־דיקטאָר פון דעם סאָוועטישן ראַדיאָ בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה

*) דער דיכטער זיאַמע טעלעסין, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין ישראל, וואָלט איצט אַלט געוואָרן נײַנציק יאָר. אַ געבוירענער אין קליינעם ווייסרוסישן שטעטל קאַלינקאָוויטש, האָט ער, ווי אַ סך סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, צוזאַמען מיט זיין פרוי, דער דיכטערין רחל בוימוואָל, דורכגעמאַכט אַ שווערן לעבנסוועג. באַטייליקט זיך אין דער מלחמע קעגן היטלער־דייטשלאַנד, שפּעטער געווען רעפּרעסירט און אָפּגעפּינצטערט יאָרן אין די סאָוועטישע לאַגערן.
זיין שאַפונג האָט זיך אויסגעטיילט אין דער סאָוועטיש־יידישער פּאָעזיע מיט איר אָריגינעלקייט, עכטער פאָלקסטימלעכקייט, מוזיקאַליש־שפּילעווריקן פערז און קערנדיקן ווייסרוסישן יידיש־לשון.
דערמאָנענדיק דעם אָנדענק פון זיאַמע טעלעסין, דאַנקען מיר דער דיכטערין רחל בוימוואָל פאַר צושיקן אונדז זיינע לידער.

רחל בוימוואָל / ירושלים

## און יעדן אינדערפרי

און יעדן אינדערפרי צעעפנט זיך פאַר מיר די וועלט
אַזאַ מין גוט באַקאַנטע און אַזאַ מין נייע,
אַזאַ מין פרעמדע און אַזאַ געטרייע!
כ'ווער איבערראַשט, אַזש אָטעם מיר פאַרפעלט.

די וועלט שטייט אויף פאַר יעדן און פאַר מיר,
און יעדערן און מיר זי האָט וואָס אונטערטראָגן
פון איר ביז סאַמע האָריזאָנט געפּאַקטן וואָגן,
ווי אַלץ האַלט דער גאַנצפרי נאָך זויבער־ריין.

דער וועלטס אַ קינד, איך טויך אַריין אין איר
מיט האַרץ און קאָפּ און אַלע מיינע חושים,
און יעדן שפּראָץ, איך צערטל אים און קוש אים,
און ווער געשטאַרקט פון שמחה אָן אַ שיער.

גוט מאָרגן, וועלט! נעם צו מיין טיפן דאַנק,
דעם אויסגעבאָדענעם אין פרייד און ווייטיק,
און לאָז מיך זיין מיט דיר נאָך אומגעהויער־לאַנג!
אָט ווי די לופט ביסטו מיר נייטיק!

יולי 1994

## פונקט ווי מיין מאַמע

פונקט ווי מיין מאַמע, מיינע דלאָניעס
איך וואַרעם ביי דער גלאָז מיט טיי.
גאַנץ מעגלעך, אַז כ'וואָלט ניט געטאָן עס,
נאָר עפּעס ציט מיך, גיי פאַרשטיי!

זאָל אויף אַן אופן כאָטש אַזאַ מיין,
אויב כ'וועל אין אַלץ געטריי איר זיין,
דער דבוק פון מיין ליבער מאַמען
אין מיר אַריין...

אָקט. 1994

שירע גאָרשמאַן / אַשקלון

## צווי דערציילונגען

### טרעף!

זיך פֿאַרנעמען מיט רכילות אין דער פּלוגה פֿון גדוד עבודה איז געווען אוממעגלעך. אָבער מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש! די היץ איז גרויס מ'האָט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט ביז אַכט אַ זייגער אין דער פֿרי און געמאַכט אַ טאָלק מיט דעם כּביש. איצט האָט מען אָפּגעגעסן דאָס, וואָס עס איז געווען. זיצן רחל פּנקס און נחמה די ליטוויטשקע פֿון בית אסתרקן, וואָס קיינער ווייסט נישט פֿון וואַנען זי איז געקומען. רחל פּנקס דריקט אויס, ווי זי קען, איר מיינונג וועגן דער ליטוויטשקע. זי ווייסט אַפּילו צו זאָגן, אַז ניצן גייט צו אָפּט אין דער מתפּרה צו דער ליטוויטשקע. ביי די ווערטער שטעלט זיך אַריין ניצן. טוט רחל פּנקס כּמעט אַ קוויטש, צעשמייכלט זיך און רופֿט אויס: "אַז מע דערמאָנט די זון, קומען אירע שטראַלן..." ניצן צעשמייכלט זיך אויך.

ניצן איז אַ הויכער בחור, זיינע האָר זענען געל, אַפּילו די ברעמען אויך. טוט רחל פּנקס אַ זאָג: "מיין זיידע ז"ל האָט נישט איין מאָל געזאָגט: "ווען דו זעסט אַ געלן, אייל זיך צו פֿאַרשרייבן עס, ווייל ס'וועט קומען אַ צייט, ווען ער וועט פֿאַרלירן זיין מראה, וועט מען נישט וויסן, צי ער איז געווען אַ געלער". הויבט ניצן אויף זיינע ביידע הענט און לאָזט זיי אַראָפּ, ווי ער וואָלט געשפּאָלטן אַ שטיין. פֿון זיין פּנים פֿאַרשווינדט דער שמייכל און ער גיט אַ זאָג צו רחלען:

– אַ געזונט אין דיר, ווי גוט דו ביסט, ווען מען וואָלט דיך צוגעלייגט צו אַ מכּה, וואָלט זי גלייך אויפֿגעריסן. דיין זיידע ז"ל איז געווען אַ קלוגער ייד, נאָר גלויב מיר, אַז איך וואָלט שוין געטאָן אַלץ, מען זאָל פֿאַרגעסן וואָס פֿאַר אַ האָר און וואָס פֿאַר אַ ברעמען איך האָב געהאַט...

געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען געזען דורך די פֿענצטער פֿון חדר האוכל, אַז ניצן גייט מיט דער ליטוויטשקע אַהינטער דעם לעצטן צריף. מען האָט שוין געוווּסט, אַז ניצן האָט עפּעס אַ מאַכערייקע הינטער דעם לעצטן צריף. ער האָט זי אַריינגעפֿירט און האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אַ בערגל ליים אַ נאַסע שמאַטע, וואָס האָט צוגעדעקט דאָס בערגל. ער האָט שטרענג, ערנסט און זייער גיך אַ זאָג געטאָן צו דער ליטוויטשקע: "קוק! זע! קוק גוט!" זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם בערגל ליים און אויסגערופֿן: "איך פֿאַרשטיי נישט וואָס דאָס איז". ער האָט זי גענומען פֿאַר דער האַנט און געפֿירט אַרום דעם בערגל און כּסדר איבערגעחזרט: "נו, קוק! קוק! ביזט דאָך נישט קיין בלינדע". זי האָט אָנגעשטרענגט איר בליק און פּלוצעם אויסגעשריגן: "איך פֿאַרשטיי!... דאָס ביסטו און איך געמאַכט פֿון ליים. איך זע קלאָר דו האָסט אונדז ביידע געמאַכט פֿון ליים, ווי מיר קושן זיך. אָבער פֿאַרוואָס ליג איך פֿון אונטן און דו פֿון אויבן?".

– פֿרעג נישט קיין קשיות, וועט מען דיר נישט דערציילן קיין מעשׂיות. דו האָסט געטראָפֿן... דאָס בין איך און דו, ווען מיר קושן זיך און דאָ קושן מיר זיך נאָר אַ ווײַלע. אָבער, אַז מען וועט אונדז געבן אַ צריף, וועל איך פֿון דעם ליים מאַכן אַ "גיפּסענעם קוש". איך וועל דיר ברענגען צוויי פּחים פֿון שמן און דו וועסט דאָס אַוועקשטעלן דיר אויף די פּחים. און די גאַנצע פּלוגה וועט זיך פֿרייען...

## געבראַכט וואַרעמעס

חוץ אַלע אַרבעטן אין גדוד, וואָס זיינען מיר נישט גרינג אָנגעקומען, האָב איך נאָך געדאַרפט טראָגן וואַרעמעס פאַר די חוצבים אין דער מחצבה (שטיינהאַקעריי). די מחצבה איז געווען נאָענט פון דער מחנה. גיי איך צו צו דער מחצבה מיט די שווערע געפּעסלעך פול מיט עסן, און ווי איך לאָז זיך אַראָפּ פון בערגל אויף דעם וועג צו דער מחצבה, דערזע איך, אַז עס ליגט אויף דער ערד אויסגעשפּרייט אַ שווערע שמוציקע אַבאַיע. איך האָב זיך זייער דערשראָקן, ווייל איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז די אַבאַיע האָט צוגעדעקט נישט קיין שלאָפנדיקן מענטשן... כ'האָב אַוועקגעשטעלט די געפּעסלעך מיטן וואַרעמעס אויפן פאַרוועלקטן גראָז, גלייך אַוועקגעלאָפן צו דער מחנה. אַליק ערליך, דרור און אפרים מיט אברהמען האָבן זיך באַלד געלאָזט לויפן פון דער מחצבה. דרור האָט אַ נעם געטאָן די אַבאַיע, אָבער איך האָב נישט געזען וואָס אונטער איר איז געלעגן, כ'האָב נאָר דערהערט ווי מיט אַ קרעכץ האָבן די חלוצים אויסגערופן - "אוי ואבוי"... און דרור מיט אפרימען. האָבן אַריינגעלייגט אין דער אַבאַיע דאָס וואָס איז געלעגן אונטער איר אויף דעם פאַרוועלקטן גראָז. מען האָט עס געבראַכט אין מחנה פון גדוד, אַרויפגעלייגט אויף צונויפגעלייגטע בענק און עס פאַרדעקט מיט אַ ריינעם ליילעך.

יהודה קופּעלעוויטש איז אַוועק געלאָפן, צוריק געקומען אין גיכן מיט אַ געזעמל יידן און ווייבער. עליק ערליך האָט שטיל צו מיר געזאָגט:

- דאָס מיידל איז פון "שערי חסד", זי איז אַלט געווען קנאַפּע אַכצן יאָר. - דעם מיידלס מאַמע האָט זיך געריסן די האָט פון קאָפּ. אַ יידענע האָט אַראָפּגעריסן די פאַטשיילע פון איר קאָפּ און געשריען: ווי איז צו אונדזערע יאָרן! ווער עס וויל פאַרגיסט אונדזער בלוט. דאָס מיידל איז דאָך נעבעך געגאַנגען פיטערן זייער איינציקע ציג. אוי ווי איז צו אונדזערע יאָרן, פאַרפאַלן דאָס מיידל מיט דער ציג...

מען איז אַוועק אויפן הייליקן אָרט און דאָרט באַגראָבן דאָס וואָס פון מיידל איז געבליבן, אָבער דאָס לעבן אין גדוד האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. די חוצנים האָבן ווייטער געאַרבעט אין מחצבה, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט קום איך אין דער מחנה און איך זע ווי דרור שטייט נעבן דעם איינציקןביימל נישט ווייט פון דעם חדר האוכל. מאַכט ער צו מיר גאַנץ הויך: - קום אַהער! קום אַהער! גיי איך צו און דערזע, אַז אויף דער ערד איז אויסגעשפּרייט אַ גרויסער ברעזענט און ווען דער זוים פון ברעזענט האָט זיך אַ ביסעלע אויפגעהויבן, האָב איך דערזען גרויסע שמוציקע פיס. דרור גיט אַ מאַך צו מיר מיט דער האַנט און זאָגט:

- וואָס קוקסטו? ציילן!

- וואָס אַרט דיך, אַז איך קוק, איך האָב שוין איבערגעציילט.

- ליטוועטשקע, וואָס טראַכטסטו, זעקס פיס פאַר צוויי פון דעם דערהרגעטן מיידל איז גענוג?

- פאַר דיר איז אפשר גענוג, אָבער פאַר מיר איז קנאַפּלעך...

- איך ווייס נישט וואָס "חברהמאַנטע" - האָט דרור צו מיר געזאָגט.

חברהמאַנטע פאַרשטיי איך נישט, אָבער בעסער וועט זיין, אַז איך וועל האָבן אַ שפּייער אין האַנט.

- גערעכט, דו וועסט האָבן. - און אַזוי זאָגנדיק, האָט דרור אַ גלעט געטאָן מיין פּלייצע.

מ. אייזנבוד / מעלבורן

# באַגעגעניש...

## (קאַפּיטל פון דער נאָוועלע "פנינה")

ליפע שאַפּיראָ האָט גענומען אַרײַנוואַקסן אין דער נייער סביבה ווי אַ געוויקס, וואָס מ'האָט איבערגעפלאַנצט פון אַן אַנדער ערד; אַן אַנדער קלימאַט. די שפּראַך פון אולפּן איז אים געווען פרעמד. די מענטשן אַרום. הגם אויסערלעך האָט זיך ניט געמערקט קיין אונטערשיד, זיי האָבן געקוקט מיט די זעלבע אויגן - אָבער געזען האָבן זיי גאָר עפּעס אַנדערש ווי ליפע.

ווי אַ געוויקס וואָס פאַרלירט געוויסע אייגנשאַפטן ביים איבערפלאַנצן און באַקומט נייע - האָט אויך ליפע גענומען פּאַוואָלינקע אַדאַפּטירן זיך צום נייעם קלימאַט; צו דער העברעישער שפּראַך; צו דער סביבה.

אַוודאי האָט דער אַרום געשאַפן די נויטיקע אַטמאָספער, און פנינה איז געוואָרן דער שטעקן צו וועלכן מען בינדט צו די פלאַנץ, כדי דער ווינט זאָל עס ניט באַשעדיקן.

נאָר פנינה איז געווען פאַר ליפען מער ווי דער אָנשפּאַר פון זיכערקייט - עס איז געוואָרן דער גייסטיקער אָנשפּאַר אויפן וועג צו זיין ווידערגעבורט.

נאָך די ערשטע פּאָר מאָנאַטן, ווען די גרופּע מיט וועלכער ליפע שאַפּיראָ איז אָנגעקומען אין קיבוץ האָט פאַרלאָזן דעם אולפּן, איז ער פאַרבליבן.

ווי ווייניק פנינה האָט אים פאַרשטאַנען, האָט זי דאָך באַנומען זיין אַנדערשקייט; זיין שפּירעוודיקייט,; זיין נויטיקייט אין אַ לעבן אָן אויפטרייסלונגען. ער איז אַריין אין וואַלד אַ יונגער בחור און אַרויס פון אים - אַ פאַרהאַרטעוועטער מאַן מיט דער נשמה פון אַ יונגן מענטשן, וועלכער האָט קיין יוגנט ניט געהאַט.

פאַרגעסנדיק דעם אונטערשיד אין עלטער - האָט ער אין פנינהן געזען דעם אָנהויב פון דעם פאָרעם, וואָס האָט זיך דאַן - צוליבן געטאָ און פאַרטיזאַנקע - איבערגעריסן.

פון צייט צו צייט פלעגן קומען בריוו פון חברים. אַ זשורנאַל ווו ער האָט געשיקט עפּעס אָפּצודרוקן. אין די בריוו האָט יעדער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו לאָזן אים וויסן וועגן שעווען. איינער האָט געשריבן, אַז ער האָט זי געטראָפן אין רוסלאַנד - מיטשורינסק אָדער טאַמבאָוו - דאָס געדענקט ער ניט, נאָר וואָס ער ווייס אויף זיכער איז, אַז זי וווינט מיט אַ באַוווסטן רוסישן אַרטיסט.

פון אַ פריינד וואָס האָט זיך שוין באַוויזן צו דערקלייבן קיין פוילן איז געקומען דער גרוס, אַז ער האָט געזען שעווען אין פוילן. איר מאַן איז אַ וואַרשעווער און זיי מאַכן דאָרט גוטע געשעפטן. זיי וועלן וואָרשיינלעך דאָרט בלייבן. יעדער האָט, הייסט עס, געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצוליייגן אַ שפּענדל, דער אַלטער פלאַם זאָל ניט אויסגיין...

ליפע שאַפּיראָן האָבן די אַלע גרוסן געלאָזן גלייכגילטיק. עס האָט אים נאָר געוווּנדערט וואָס די פריינד זיינע האָבן גאָרניט פאַרגעסן און גלויבן, אַז דורך די גרוסן טוען זיי ליפען אַ ביז גאָר וויכטיקע טובה.

פון די אַלע יאָרן, ווען ער איז געווען נאָענט מיט שעווען, האָט ער אין איר כאַראַקטער באַמערקט שטריכן, לויט וועלכע ער האָט געקאָנט אָנצייכענען - ווי די טרעפערין פּרובירט לויט די האַנטפלאַך ליניעס פאָרויסזאָגן די צוקונפט... אַז שעווע וועט אויפן לעבנסלייטער זיך אַרויפדראַפּען גאָר הויך.

שוין בשעת דעם סאָוועטישן רעזשים, וואָס האָט געדויערט גאָר קורץ, האָט ער געזען ווי זיינע פּאַרויסזאָגונגען נעמען אָן בלוט און פלייש, און ווער ווייס? ווען עס ברעכט ניט אויס די מלחמה וואָלט שעווע חתונה געהאַט מיט אַ וויכטיקן מענטשן פון דער סאָוועטישער נאָמענקלאַטורע.

ער איז פון דעם, וואָס אַן אמת, ניט געווען באַגייסטערט. אַצינד אָבער – האָט עס אים מער ניט געאַרט.

אַצינד איז זי געווען פאַר אים ווי נאָך איין בלאַט אין בוך פון זיין לעבן, און כאָטש דאָס בוך האָט נאָך געהאַלטן ביים סאַמע אָנהויב, איז עס אָבער געדיכט פאַרשריבן מיט איבערלעבונגען פון זיין געראַנגל צווישן צוויי פּאָליוסן – לעבן און טויט.

* * *

געוויינטלעך האָט ער דאָס ברענגען די בריוו איבערגעלאָזט פאַר פנינהן. זי פלעגט סיי ווי יעדן טאָג זיין אין מזכירות, און חוץ דעם – זייערע באַגעגענישן האָבן געהאַט אַלע סימנים פון צופעליקייט.

ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט לאָזן אָפן אַ טירל פון פרייהייט, דעריבער האָט ער זיך געהיט ניט צו פאַרשליסן דעם קרייז אין זיינע פאַרהעלטענישן מיט פנינהן. פאַר איר איז אגב ניט געבליבן קיין סוד די סיבה פון זיין פאַרהאַלטן זיך אין קיבוץ.

אויף אַזוי פיל האָט שוין ליפע באַנומען דאָס לשון...

דאָס מאָל האָט אים עמעץ אַנדערש איבערגעגעבן אַ בריוו, פון וועלכן ער האָט געמאַכט אַ קנאַפּן ווען. אויפן קאָנווערט איז געווען דער פּאָסטשטעמפּל פון תל אביב, און דער קאָנווערט אַליין האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געווען ליידיק.

-אוודאי אַן איינלאַדונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט – האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך. אַריינגעשטעקט דעם בריוו אין טאַש און איז אַוועק צו דער אַרבעט.

ערשט אין אָוונט, אין זיין צימער האָט ער זיך דערמאָנט אין בריוו, ווען ער האָט אים, מיט פאַרשידענע אַנדערע זאַכן, אַרויסגעצויגן פון טאַש און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

ווען ער האָט אים אויפגעמאַכט און דורכגעלאָפן די פּאָר שורות, איז ער געווען צופרידן, וואָס פנינה האָט עס אים ניט געבראַכט און ער וועט פאַרשפּאָרן זיך אַרויסדרייען פון אַן אויפקלערונג.

צו זיין יושרדיק צו פנינהן, מוז מען זאָגן, אַז זי האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין אינטערעס אין זיינע בריוו. אָבער ליפע האָט עס געהאַט אויפן געוויסן. ניט דערציילן – האָט געמיינט, אַז ער וויל די געהיימענישן אַרום זיין פערזאָן פאַרטיפן, כאָטש באַמיט האָט ער זיך וואָס מער צו אַנטפּלעקן, כדי פנינה זאָל זיך ניט אַנטוישן, אויב עס וועט פּאָרט צווישן זיי פאַרקניפּן...

דורך דערציילן וועגן זיינע בריוו איז פנינה אַריינגעצויגן געוואָרן אין קרייז פון זיינע אינטערעסן.

דאָס נאָר וואָס געעפנטע בריוול איז געווען קורץ, אָבער געווירקט האָט עס אויף ליפען, ווי עמעצער וואָלט זיין נשמה אַריינגעכאַפּט אין אַ פּרעס, און נעמט זי צענויפדריקן.

מיין ליבער פריינד ליפע.

מיט פיר וואָכן צוריק בין איך אָנגעקומען קיין תל־אביב. איך וווין ביי מיין פעטער, וועלכן דו געדענקסט געוויס. עס וווּנדערט מיך, וואָס דו

האָסט קיין מאָל זיך ניט נאָכגעפרעגט אויף מיר, ווייל מיטן פעטער זענען מיר די גאַנצע יאָרן אין קאָנטאַקט.

צופעליק האָב איך געטראָפן עמעצן פון די לאַנדסלייט, און ער האָט מיר געגעבן דיין אַדרעס.

איך נעם אָן, אַז דו ווייסט מיין פעטערס אַדרעס. נאָר פאר יעדן פאַל שרייב איך אים אויף: רחוב אשכנזי נר 17 א.

שעווע."

ליפּע האָט געקוקט אויפן שטיקל פּאַפּיר, אָבער וואָס האָט עס געקאָנט זאָגן מער ווי עס האָט שוין געזאָגט?

איז זי געקומען מיט אַ מאַן – טאָ צו וואָס דאַרף זי אים לאָזן וויסן, אַז זי איז דאָ? איז זי געקומען אַליין – וואָס דערוואַרט זי פון אים?

די באַדערפעניש פון ווען דיסטאַנצירן זיך פון שעווען, כדי צו לאָזן גענוג שטח פאַר אַנדערע געפילן – האָט מיטאַמאָל זיך דראַסטיש פאַרקלענערט.

דער גורל וויל מיך ניט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט – האָט ער טרויעריק אַ זאָג געטאָן. ער איז מיר נאָכגעגאַנגען אַ האַלבע וועלט און דאָ – צוגעשפּאַרט צום וואַנט. האָט ער מיר טאַקע געלאָזט לעבן, כדי זיך מיט מיר צום סוף אַ שפּיל טאָן און פאַרביטערן די יאָרן?

דער גורל, ווי דאָס בריוול, האָט ניט געהאַט ווייזט אויס קיין שום פאַרפליכטונג לגבי ליפּען, כדי מיט אַ ווונק כאָטש צו באַשיידן די נאָר וואָס געשאַפענע סיטואַציע.

אין יענעם אָוונט – אַליין מיטן בריוו – האָט ליפּע, קעגן דער לאָגיק פון לייענען אַ בוך, גענומען מישן צוריק די בלעטער פון בוך פון זיין לעבן.

...שילער זענען זיי געווען אין דעם זעלבן קלאַס. ער און שעווע. אין דער זעלבער אָפּטיילונג זענען געווען שקצים, וואָס נאָכן פאַרענדיקן די שול, זענען זיי גלייך געגאַנגען דינען אין מיליטער. איז וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט עס געקאָנט האָבן, אַז שעווע איז מיט אַ צוויי יאָר עלטער פון אים?

אַזוי האָט זיך עס אייגנטלעך אָנגעהויבן. זי האָט אים אַרויסגעהאָלפן מיט מאַכן די שול־אַרבעטן; זי איז געקומען צו זיי אין הויז; זי האָט זיך באַפריינדט מיט זיינע עלטערן.

און ער? ער איז געווען אין דעם זעלבן עלטער, ווען די נאַטור האָט גענומען פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל זען אין דעם מיידל ניט בלויז אַ חברטע, נאָר אַ פרוי.

אין יענע יאָרן. ווען אַ יינגל האָט גענומען אַרויסגיין מיט אַ מיידל עפּטער ווי מיט אַנדערע – זענען זיי געוואָרן א "פּראָבלעם".

אָט זעט ער:

דער לערער ווראָבלעווסקי, אַ פּאָליאַק פון אַ יאָר אַכטונצוואַנציק אוודאי, קומט יעדן טאָג אין שול אַריין אויף אַ מאָטאָציקל, אין שטעטל איז דוכט זיך געווען נאָך איינער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזאַ מין כלי – דאָס איז געווען דער אינסטרוקטאָר פון די פייערלעשער. במילא האָט זיך אַזאַ מאַשין אָנגעזען און געוועקט נייגעריקייט.

ווער איז עס געווען וואָס האָט באַמערקט, אַז אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט איז שעווע געפאָרן מיטן לערער ווראָבלעווסקי אין דער ריכטונג פון שטאָטישן וואַלד – דאָס קאָן זיך ליפּע שוין מער ניט דערמאָנען. נאָר ווייל שעווע איז געווען זיין "פּראָבלעם" – האָט מען געהאַלטן פאַר נויטיק, אַז ער דאַרף עס וויסן, כאָטש ער אַליין האָט ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל - אַזוי דוכט זיך אים - ווען ער האָט גענומען באַמערקן איינעם פון שוועס הויפּט-שטריכן - זי וויל מען זאָל זי אָנזען, און אויסטיילן פון צווישן אַנדערע...

ער האָט איר גאָרניט איבערגעפרעגט דערוועגן. אָ, היינט וואָלט ער שוין געוווּסט וואָס צו פרעגן און אפשר וואָלט ער אויך היינט פאַרשוויגן, וויסנדיק פאָרויס, אַז איר ענטפער וועט אים ניט צופרידנשטעלן.

שוועע, ביי אירע אַכצן יאָר איז געווען אַ מיידל, ביי וועלכער אַלע אברים האָבן געשריגן מיט מאָנונג... דער לערער וורובלעווסקי האָט אַרויסגעפילט, אַז שוועע וועט ניט האָבן קעגן דעם, אויב ער וועט איר פאָרלייגן זיך דורכצופאָרן מיט זיין מאָטאָציקל אין וואַלד אַריין.

נאָך דעם זענען געקומען די סאָוועטן. ער איז געווען דער זון פון אַ קליינבירגער, אָן האָפענונג צו דערגרייכן עפּעס אַ מדרגה, אַ חוץ די מדרגה פון אַ געוויינלעכן פאַבריק-אַרבעטער.

אָ, אין דעם ים איז שוין שוועע אַרומגעשווומען מיט דער פלינקייט און כיטרעקייט פון אַ לייטישן העכט, און די רוסן זענען ניט געווען צו פיל איבערקלייבעריש...

דאָס אַלץ האָט ער געוואָלט פאַרגעסן. ווען די געדאַנקען האָבן זיך ניט געלאָזט אַרויסשטופּן פון זכרון - האָט ער אין די פּאַסירונגען געפּרוווט זוכן אומשולדיקע צופעליקייטן ווי אַ פאַרענטפערונג פאַר זיך אַליין.

אָט די אַלע פּאַסירונגען האָבן אַצינד מיט אַ מוראדיקער קראַפט, מיט אַ בליצנדיקע העלקייט פון טויזנטער רעפלעקטאָרן באַלויכטן יעדן ווינקל פון זיין זכרון. ער האָט געזען שוועען - ווי נאָך קיין מאָל ניט זינט זייער לעצטן אָוונט צוזאַמען, וואָס האָט געבראַכט דעם ענדגילטיקן ריס...

אָבער פאָרט:

זי איז געשטאַנען פאַר אים אַ שמייכלדיקע מיט צוויי אומשולדיקע חן-גריבלעך אין ביידע באַקן; איר רונדיקער בוזעם איז געווען געטוי, ווי ער געדענקט אים: באַהאַלטן הינטער אַ ווייס בלוזקעלע ווו איין קנעפּל איז צופעליק געווען אָפן און האָט גערייצט. איר ברייט-ביינעקער געשטעל האָט געלאָקט מיט וואַרעמקייט און ווייבלעכקייט, ביז משוגע צו ווערן...

שוועס רוף האָט אין זיך געטראָגן דעם פאַרבאָרגענעם צויבער, וואָס האָט אים פאַרכשופט און געלייטערט פון אַלע ווידערווילנס און פאַרדרוסן, וועלכע זי האָט אים פאַרשאַפט. דער בריוו האָט ווי אויסגעמעקט אַלע זיינע טענות, כדי עס זאָל זיין אַ ניי בלאַט אָנצוהויבן פון אָנהויב... אָט פון יענעם אָוונט אין זייער הויז... אין זיין צימער... זי וועט צוריקברענגען זיין יוגנט; זיין היים; דאָס פאַרלוירענע;

פנינה איז אין אָט דעם בילד געווען אַ פאַרשלייערט געשטאַלט, אָן אַ פאָרעם; אַ חלום פון וועלכן מען וועקט זיך אויף, אָן צו געדענקען פרטים. מען וויל, דער חלום זאָל זיך איבערחזרן - אָבער ניט מער - ווי אַ חלום.

שוועע איז געווען די צאַפּלדיקע ווירקלעכקייט, וועלכע האָט ווידער אַרויסגערופן דעם אַלטן שטורעם אין זיין בלוט, אין זיינע חושים. אַצינד רופט זי אים... נאָך אַלע אירע דערפאַרונגען וויל זי צוריק צו אים, צום אָנהויב - צו אָט די נאַיווע יוגנטלעכע רגעס פון פאַרגעסונג און אַנטפּלעקונג...

דער רוף פון דער פאַרגאַנגענהייט, די אויסגעשטרעקטע האַנט האָט געלאָקט מיט

צאַרטער וואַרעמקייט, אַ וואַרעמקייט, וועלכע ער האָט שוין לאַנג ניט געפילט און ניט נאָר דאָס: די רגעס פון דערוואַכונג זענען תמיד געווען אָנגעגליטע...

דער מוח האָט באַנומען, אַז ער האָט פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער ליפעס ראַנגלענישן וואָס שייך שעווען. די אָנגעזאַמלטע קראַפט האָט זיך געריסן צום פונקט פון זיין באַשאַף...

דער מוח, די געניטע מאַשין וועלכע די נאַטור האָט באַשאַפן צו האַרמאָניזירן דעם מענטשנס האַנדלונגען, באַלאַנסירן לאָגיק מיט געפילן, האָט איינגעזען, אַז דער רוף פון דער ווילדעניש האָט אונטערגעריסן די פונדאַמענטן פאַר ליפעס נייעם אָנהויב, וועלכע ער האָט פאָרזיכטיק געבויט מיט געדולד. האָט דער שטורעם אַלץ חרוב געמאַכט?

ליפע האָט דערפילט די איינזאַמקייט - ניט איבערצוטראָגן. די שעהן, וועלכע ער האָט געמוזט וואַרטן ביזן ערשטן אויטאָבוס, וואָס פאָרט פאַרביי דעם קיבוץ אויפן וועג קיין תל־אביב - האָבן זיך פאַר אים געצויגן ווי אַן אייביקייט.

דער נאַכטיקער ווינט האָט געררושט דורכן אָפענעם פענצטער. די נאַכט האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין, ווערליק דער זייגער אויפן טיש האָט באַוויזן. ליפע האָט פרובירט צומאַכן די אויגן, נאָך דעם ווי ער האָט באַשלאָסן ווי אַזוי צו האַנדלען, האָט ער דערפילט אַ באַדערפעניש פאַר רו, ווי נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט.

אין אָט דער רו, איז צווישן אים און שעווען אויסגעוואַקסן דער וואַלד. דער וואַלד און די היילן ווו ער האָט געזומערט און געווינטערט, מיט אַ קאַלט שטיק שטאָל צוקאָפּנס.

דער וואַלד איז אים אַנטקעגן געקומען און געפירט אויף די סטעזשקעס ווו דער טויט האָט געלויערט און דאָס לעבן איז אַנטקעגנגעקומען מיט הענט פאַרהאַרטעוועטע; מיט אויגן טריבע אָבער שאַרפע; מיטן אָנגעשפּיצטן געהער פון אַ געיאַגטער חיה.

מיט אָט דעם וואַלד אינסטינקט, וואָס האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין געפערלעכע סיטואַציעס, האָט ער דערשפּירט, אַז דעם לייכטן וועג וועגן וועלכן ער האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט אויפגעהערט צו טרוימען און זען אים; אַ וועג וועלכן מען האָט אים אָנגעבאָטן, אַז דווקא אויף דעם וועג ליגט די געפאַר, וועלכע ער מוז אויסמיידן.

ער איז אויפגעקומען. די זון האָט אַריינגעשיינט דורכן פענצטער. ער האָט באַמערקט דאָס רענצל וואָס איז געלעגן דערנעבן פאַרפאַקט. גרייט צו דער נסיעה.

האָט ער טאַקע געוואַלט אַהין פאָרן צו דער באַגעגעניש? - האָט ליפע זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין. - די גאַנצע נאַכט האָט ער דאָך מיט איר גערעדט; אויסגעגאָסן זיינע פאַרדרוסן; געהערט אירע פאַרענטפערונגען, דורכגעלעבט דאָס, וואָס די באַגעגעניש קאָן אין אים אויפרודערן...

ער איז אַראָפּ פון בעט. זיך אָנגעטאָן די אַרבעטס־קליידער, געפונען דעם בריוו מיטן אַדרעס און אים צעריסן.

ווען פנינה האָט אים געטראָפן ביי דער אַרבעט מיט טונקעלע רייפן אַרום די אויגן, האָט זי זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט זיינע געטאָ־און וואַלד־קאָשמאַרן.

ליפע איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט אים גאָרניט געפרעגט.

זיין געוויסן וואָלט ניט דערלאָזט אויסבאַהאַלטן די נאַכט פון דער באַגעגעניש מיט שעווען.

19־טער אַפּריל 1943 19־טער אַפּריל 1998

# זכור

הײנטיקס יאָר װערט 55 יאָר זינט דעם אױסברוך פֿונעם אױפֿשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ, װאָס האָט זיך אַרײַנגשריבן מיט פֿײַערדיקע אותיות אין דער פּילטױזנט־יאָריקער געשיכטע פֿון ייִדישער פּײַן און גבורה. דערמאָנענדיק אָט דאָס העראָישע קאַפּיטל אין אונדזער געשיכטע, װאָס װעט פֿאַרבלײַבן װי אַ לײַכט־טורעם פֿאַר דור־דורות - אױף אַלע אײביקײטן, ברענגען מיר אַ פֿראַגמענט פֿונעם בוך פֿון דעם היסטאָריקער בער מאַרק א.ג. "אױפֿשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ", װאָס שילדערט די ערשטע שלאַכטן אין די װאַרשעװער ייִדישע גאַסן.

מיר ברענגען אױך לידער געװידמעט דעם געטאָ־אױפֿשטאַנד פֿון די באַװוסטע דיכטער יעקב גלאַטשטײן און בינם העלער.

## דער אױסברוך פֿונעם געטאָ־אױפֿשטאַנד

זונטיק, דעם 18 אַפּריל, איז פֿאָרגעקומען אין דעם װאַרשעװער שטאַב פֿון דער פּאָליצײ־און ס.ס.־אָנפֿירונג אַ קאָנפֿערענץ, אױף װעלכער מען האָט אַרומגערעדט די פּרטים פֿון דעם אָנגריף אױפֿן געטאָ, װאָס האָט זיך געדאַרפֿט אָנהײבן אױף צומאָרגנס פֿאַרטאָג. דעם זעלביקן זונטיק 2 א.ז. בײַטאָג האָבן די ס.ס. און די דײַטשישע פּאָליצײ באַקומען דעם באַפֿעל פֿון אַליאַרם־גרײטקײט. אַן עגלעכן באַפֿעל האָט געקראָגן די פּױלישע (גראַנאַטאָװע) פּאָליצײ, װעלכע האָט טאַקע 6 א.ז. נאָכמיטאָג אַרומגערינגלט דעם גאַנצן געטאָ־שטח מיט געדיכטע פּאַטראָלן. אין אַ שעה אַרום האָט מען שױן אין געטאָ, און אױך אין דעם שטאַב פֿון דער ייִדישער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע און פֿון ייִדישן מיליטערישן פֿאַרבאַנד געװוּסט װעגן די צוגרײטונגען פֿונעם שונא.

אין אָװנט איז אינעם שטאַב־בונקער פֿון דער ייִדישער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע אױף מילע 18 פֿאָרגעקומען אַן אינסטרוקטיװע פֿאַרזאַמלונג פֿון די גרופּן־פֿירער פֿון צענטראַלן געטאָ, אונטערן פֿאָרזיץ פֿון מרדכי אַניעלעװיטש. עס איז פֿאַרענדיקט געװאָרן דאָס פֿאַנאַנדערטײלן געװער. די פּלעשער מיט דער אױפֿרײס־פּליסיקײט זענען אײַנגעלײגט געװאָרן אין קױשן. יעדע גרופּע האָט חוץ דעם באַקומען גראַנאַטן און אַמוניציע. מען האָט אױך פֿאַנאַנדערגעטײלט שפּײַז און ציאַנקאַלי. פֿון מױל צו מױל איז איבערגעגעבן געװאָרן דער אָפּגעשטימטער לאָזונג: "יאַן - װאַרשאַװאַ" - דאָס איז געװען הן דער פּאַראָל, חן דער סיגנאַל פֿון קאַמפֿס־גרײט־קײט. די גרופּן־קאָמאַנדירן האָבן פֿאַרבאָטן די קעמפֿער צי פֿאַרלאָזן די פּאָזיציעס. מען האָט מיט מעבל פֿאַרשטעלט די טױערן פֿון די הײַזער און פֿאַרבאַריקאַדירט דעם װעג אין גאַס. בײַ די פֿענצטער האָט מען אָנגעלײגט זעק מיט זאַמד און קישנס, װעלכע האָבן געדאַרפֿט דינען װי אַן אָנשפּאַר און אַ שוץ בעת די שיסערײַען.

אין די קאַמפֿס־גרופּן האָט געהערשט א מוסטערדיקע אָרדענונג, רו און זעלבסטבאַהערשונג.

די נאָכט פֿון 18־טן אױפֿן 19־טן אַפּריל איז אין געטאָ געװען אַ װאַך־נאַכט.

לויט דער אַלטער, ייִדישער טראַדיציע איז דאָס געווען אַ ליל שימורים אויך אין אַן אַנדער זין. דאָס איז געווען די נאַכט פון ערשטן סדר, פסח תש״ג און אין געטאָ איז געווען מער מענטשן ווי תמיד, ווייל אַ סך ייִדן פון דער "אַרישער" זייט האָבן זיך אַריינגעשלייכט אין געטאָ אַריין, כדי אָפּצוּריכטן דעם סדר אין אַ ייִדישער סביבה.

2 א.ז. ביינאַכט איז די וואַך־קייט אַרום געטאָ פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דייטשישע פּאָליציי און לעטיש־אוקראַינישע ס.ס.־אישע הילפס־פאָרמאַציעס. יעדע 25 מעטער איז געשטאַנען אַ וואַך, באַוואָפנט מיט שווערע מאַשין־געווער. גרופּעס לעטישע פאַשיסטן און פּוילישע פּאָליציאַנטן זענען שורותווייז אַריין אין געטאָ, דורכגעגאַנגען די גאַסן און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון אומשלאַג־פּלאַץ. ביינאַכט האָט אַ קאָנטראָל פון די געטאָ־גאַסן דורכגעפירט דער געסטאַפּאָ־גדול בראַנדט אין זיין שוואַרצן אויטאָ, וועלכן די ייִדן האָבן גוט געקאָנט.

אַחוץ די אויסשפּיר־גרופּן פון די ייִדישע קעמפער איז אויף די גאַסן פון צווישן די ייִדן נישט געווען קיין לעבעדיק נפש.

און די אויפשטענדלער האָבן אַלץ געגרייט, כדי ווי געהעריק אויפצונעמען דעם שונא. אויף אָנזעעוודיקע ערטער האָבן זיי אויסגעהאָנגען פּעגער: רויטע, ווייס־בלויע און ווייס־רויטע. אין איין אָרט האָט אַ געוויסע גרופּע אויסגעהאָנגען אַ ווייס־בלויע פאָן מיט אַ רויט פינפעקיקן שטערן אין דער מיט. אויף די מויערן, וואָס האָבן נעגרענעצט מיט דער "אַרישער" זייט, למשל, אויף שוויענטאָיערסקע, איז אַרויסגעהויבן געוואָרן אַ טראַנספּאַרענט מיט אַ רוף צו דער פּוילישער באַפעלקערונג – צו אַ סאָלידאַריטעט־אַרויסטרעטונג לטובת די ייִדישע קעמפער.

לויטן פּלאַן פון דעם ס.ס. און פּאָליציי־שעף פאָן זאָמערן האָט אויפן ערשטן פייער געדאַרפט גיין דאָס צענטראַלע געטאָ, וועלכע איז אין דעם לעקסיקאָן פון די נאַצישע רוצחים אָנגערופן געוואָרן: רעשט־געטאָ. די געביטן פון די שאָפּן און פון די בערשטער האָבן די דייטשן לעת עתה געלאָזט אין זייט; זיי האָבן זיך גערעכנט אַז זעענדיק, ווי מען דערשטיקט אין פייער און בלוט דעם ווידערשטאַנד פונעם רעשט־געטאָ, וועלן די ייִדן פון די שאָפּן און פון דער בערשטער־פאַבריק גיין פרייוויליק צום טראַנספּאָרט, אָן שוועריקייטן.

די שטאַבן פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פונעם ייִדישן מיליטערישן־פאַרבאַנד האָבן קאָנצענטרירט זייערע אָנגריף־כוחות אין דריי פונקטן: 1) אויפן עק פון נאַלעווקעס און גענשע, ביים אַריינגאַנג צו דער הויפּט־אַרטעריע פון געטאָ, 2) אויף דער קרייצונג פון די גאַסן זאַמענהאָף און מילע, און – 3) אויפן ראָג פון מוראַנאָווסקע און גאַלעווקעס, אַקעגן דעם מוראַנאָווער פּלאַץ. אַזוי אַרום איז די ערשטע קאַמפּס־ליניע פּלאַנירט געוואָרן ווי אַ דריי־עק, וואָס האָט געדאַרפט באַשיצן די גאַסן פון צענטראַלן געטאָ. די פאַרטיידיקונג פון די ערשטע צוויי פונקטן איז געלעגן אין די הענט פון די גרופּן פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, פונעם דריטן פונקט – אין די הענט פון ייִדישן מיליטערישן פאַרבאַנד.

מאָנטיק, דעם 19־טן אַפּריל, האָט פאָן זאָמערן אַריינגעפירט זיינע באַוואָפנטע כוחות אין צענטראַלן געטאָ אַריין דורך דעם טויער ביי די גאַלעווקעס. דער דייטשישער קאָמענדאַנט האָט פּלאַנירט די פאָלגנדיקע פאַנאַנדערטיילונג פון זיינע קרעפטן: איין טייל האָט זיך געדאַרפט פאַרהאַלטן אין מיטן די גאַלעווקעס, כדי דאָ אָנהייבן די כאַפּעריי־און גירוש־אַקציע, אַ צווייטער טייל האָט געדאַרפט דורך גענשע אַריינשפּאַנען

אויף זאַמענהאָף־גאַס, ד.ה. אויף דער צווייטער פּאַראַלעלער אַרטעריע פונעם געטאָ, און דערנאָך זיך לאָזן ווייטער. די דייטשן האָבן מורא געהאַט פאַר זייער לעבן, מורא געהאַט פאַר די קוילן פון די יידישע קעמפער, און דעריבער האָבן זיי אין די ערשטע קאָלאָנעס געשיקט די אָפּטיילונגען פון די לעטישע פאַשיסטן און די רעשטלער פון דער אָרדענונגס־דינסט (געטאָ־פּאָליציי), די יעניקע יידישע פּאָליציי־לייט, וואָס האָבן אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אין דער אַקציע אָדער געפּרוווט אַנטלויפן, זענען דערשאָסן געוואָרן אין דעם זאַמל־פּונקט פון געסטאַפּאָ אויף זשעלאַזנע 103.

ערשט נאָך דעם אַוואַנגאַרד פון די לעטן און יידישער פּאָליציי האָבן זיך גערוקט פאָרויס די קאָלאָנעס  פון די דייטשן און אוקראַינער. זייער מאַרש האָט דערמאָנט אַ מיליטערישן מלחמה־צוג מיט אַלע פּיטשעווקעס. פאָרויס זענען געפאָרן מאָטאָציקליסטן, דערנאָך – לאַסט־אויטאָס מיט פוסגייער און שווערע מאַשין־געווער, און לבסוף – אַמבולאַנסן, אַ פעלד־קיך, מאַשינען מיט פעלדטעלעפאָנען. די דייטשישע אָנפירונג האָט חוץ דעם אַריינגעפירט אין געטאָ 12 פּאַנצער־אויטאָס.

אויף די הויפּט־גאַסן האָבן די דייטשן אַוועקגעשטעלט טישלעך און בענק, אויף די טישן – טעלעפאָנען. אַלץ האָט אויסגעזען ווי אַן ערנסטע מיליטערישע אַקציע.

זאָמערנס אָפּטיילונגען האָבן אָבער נישט באַוויזן זיך שטאַרק אַ רוק טאָן פאָרויס, וואָרעם זיי זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן אין צוויי ערטער: אויף גאַלעווקעס עק גענשע און אויף זאַמענהאָף עק מילע. זאָמערן האָט דאָ געליטן אַ פולשטענדיקע מפּלה. ווי עס זענען דערנאָך מודה געווען די נאַציִשע גדולים איז "דער יידישער ווידערשטאַנד געווען אומגעריכט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקער און אַ גרויסע איבעראַשונג". די דייטשישע כוחות זענען פשוט אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון געטאָ – אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט דער ס.ס־גענעראַל סטראָאָפּ, וועלכער האָט אין זיין ראַפּאָרט פאַר קריגערן און הימלערן אָנגעשריבן די פאָלגנדיקע ווערטער: "ביי אונדזער ערשטן אַריינדרינגען אין געטאָ איז די יידן... געלונגען דורך אַ צוגעגרייטן אָנפאַל מיט געווער אין האַנט אָפּצושטויסן אונדזערע אָנגערייפנדיקע כוחות צוזאַמען מיט די טאַנקן און פּאַנצער־וואָגנס".

וועגן דעם ערשטן נצחון פון די יידן לייענען מיר אין דעם געהיימען באַריכט, וואָס די פוילישע אונטערערד האָט אַרויסגעשיקט קיין לאָנדאָן, אָט וואָס:

"די דייטשישע אָפּטיילונגען, וואָס זענען אַריינגעדרונגען דעם 19־טן אַפּריל פאַרטאָג אויפן שטח פון געטאָ זענען "באַגריסט" געוואָרן מיט אַ געוואַלטיקן און ווירקזאַמען פייער מצד די געטאָ־קעמפער. דער ווידערשטאַנד איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז די דייטשן האָבן געמוזט אַריינפירן אין שלאַכט אַלץ נייע אָפּטיילונגען, בתוכם פעלד־אַרטילעריע, פייערוואַרפערס און טאַנקן".

און אַצינד אַ יידישער מקור, וואָס שילדערט אַזוי אַרום די מפּלה פון די דייטשן:

"די יידישע קעמפער "באַגריסן" די דייטשן מיט אַ האָגל פון גראַנאַטן, פלעשער, באָמבעס און ביקסן־שאָסן. דאָס איינציקע מאַשין־געווער האָט נישט פאַרפירט. די היטלעריסטישע באַגריטן האָבן געמאַכט ויברח" (די זכרונות פונעם גרופּע־קאָמאַנדיר הערש בערלינסקי, געשריבן אין קאָנספּיראַציע אויף דער "אַרישער" זייט).

* * *

צוויי קאַמפס־גרופּן אונטער דער אָנפירונג פון זכריה אַרטשטיין און לייב ראָטבלאַט האָבן באַזעצט די פּאָזיציעס אין די עק־הייזער אויף נאַלעווקעס 31 גענשע 2, אויף גאַלעווקעס 25, 27, 33 און 35. אין דעם הויז אַקעגנאיבער, אויף ראָג נאַלעווקעס און

פראַנצישקאַנער. אויף דעם בוידעם, וואָס איבער דער פאבריק פונעם דייטש ברויער האָט זיך באַפעסטיקט די קאַמפּס־גרופּע פון הענריק זילבערבערג. אַזוי אַרום האָבן די קעמפער געוואָלט אַריינגעמען די אַריינמאַרשירנדיקע דייטשן אין אַ קלעם. די באַוואָפענונג פון די יידן איז באַשטאַנען דער עיקר אין פלעשער מיט אויפרייס־פליסיקייט און גראַנאַטן, זיי האָבן אויך פאַרמאָגט עטלעכע פיסטאָלעטן און ביקסן און איין לייכט מאַשין־געוועער. די קעמפער זענען געווען פאַרטאַיעט ביי די פענצטער, באַלקאָנען און אויף די בוידעמער.

ווען דער דייטשישער צוג איז, מיט אַ לוסטיק געזאַנג אַריין אין דעם אָפשניט, ווו עס קרייצן זיך די גאַסן גאַלעווקעס, גענשע און פראַנצישקאַנער, איז ער פלוצים באַוואָרפן געוואָרן מיט אויפרייס־פלעשער, גראַנאַטן, באָמבעס און קוילן. דאָס ערשטע פייער איז געקומען פונעם הויז גאַלעווקעס 33, גלייך האָבן זיך אָפּגערופן אַלע אַנדערע פּאָזיציעס.. דאָס איז געווען פאַר די דייטשן אַזוי אומגעריכט און האַסטיק, אַז זיי זענען זיך צעלאָפן אין בהלה, לאָזנדיק ליגן אויפן ברוק זייערע טויטע און פאַרוווּנדעטע. ווען זיי האָבן אין אַ קורצער צייט שפּעטער געוואָלט זיך דערנעענטערן צו די הרוגים און צעמזיקטע, האָבן זיי עס נישט געקאָנט דורכפירן - אַזוי שטאַרק איז געווען דער ווייטערדיקער פייער פון די יידישע פּאָזיציעס. אין גיכן זענען די אויפשטענדלער אַרויסגעשפּרונגען פון זייערע באַהעלטענישן און גענומען באַשיסן די היטלעריסטן מיט פיסטאָלעטן־פייער.

דער פאַקט, וואָס דער שונא איז אַנטלאָפן ביים ערשטן צוזאַמענשטויס, האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויסגערופן אַ געוואָלטיקן. ענטוזיאַזם ביי די יידן. דאָס לוסטיקע געזאַנג פון די ס.ס.־לייט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווײ־געשריי פון זייערע פאַרוווּנדעטע. די קעמפערין תמר האָט אויסגערופן: "דאָס מאָל האָבן זיי באַצאָלט!"

אינגיכן האָבן די דייטשישע אָפיצירן באַהערשט די לאַגע אין זייערע רייען. עס איז אַליאַרמירט געוואָרן זאָמערנס שטאַב און שנעל איז אָנגעקומען הילף. די ניי־אָנגעקומענע סאָלדאַטן האָבן זיך נישט דערוועגט צו גיין אָפן פאָרויס, נאָר געעפנט אַ כאַאָטיש פייער אין דער ריכטונג פון די הייזער, פון וואַנען עס זענען פריער געפאַלן די שאָסן. די שלאַכט האָט זיך פאַרקניפּט פונדאָסניי. די יידן האָבן נישט בלויז אויך דאָס מאָל אויסגעהאַלטן, נאָר פאַרקערט - געצווונגען דעם שונא אָפּצוטרעטן, שוין צום צווייטן מאָל.

די ערשטע שלאַכט אויף גאַלעווקעס עק גענשע האָט געדויערט צוויי שעה, פון 6 ביז 8 אינדערפרי. געליטן האָט בלויז דער דייטשישער צד. אַ דאַנק זייערע באַקוועמע פּאָזיציעס האָבן די אויפשטענדלער דאָ נישט פאַרלאָרן קיין איין מענטש.

ווען דער היטלעריסטישער צוג האָט זיך לגמרי צוריקגעצויגן, זענען די אויפשטערנדלער ווידער אַראָפּ אין גאַס, זיך געוואָרפן אין די אָרעמס, זיך געווונטשן מזל טוב. זיי האָבן אַראָפּגעצויגן פון די היטלעריסטישע פּגרים די מוגרירן, די העלמען און דאָס געווער.

יעקב גלאַטשטיין

# ווידערשטאַנד אין געטאָ*

## *(פראַגמענט)*

מיר זיינען געקראָכן, געגאַנגען,
אויפגעשטאַנען צום לעצטן שטיי.
ס'האָט אונדז אויף די פיס געשטעלט
אונדזער שווידערלעכער געשריי.
מיר האָבן געשאָסן, מיר האָבן געטויט.
מיר האָבן געשאָכטן און געוואָרגן,
מיר האָבן געזען זייער בלוט,
געזען מיט לעבעדיקע אויגן.

פונקען זיינען ווי שטיקער זון געפלויגן.
ווי וואונדערלעך דער וואַלד האָט געברענט.
און מיר האָבן געשאָסן,
מיר האָבן געזען ווי זייער בלוט איז גערונען,
זייער בלוט האָט זיך געגאָסן.

מיר זיינען שוין מער נישט געקראָכן, מיר זיינען געלאָפן,
געצילט, געשאָסן און געטראָפן.
מיר האָבן געזען זייערע טויטע קעפ
און געשטאָרבן מיט זייער טויט
אין אונדזערע אויגן.
מיר האָבן זיך איינגעפלאָכטן, איינגעצווייגט,
מיר, די שטומע,
האָבן ווי זיגרייכע קעמפער
געשריגן מיט איין שטים -
מיר, דער געטלעכער אַנאָנים.

מיר האָבן גאָרנישט געווונען.
דער וואַלד האָט אויסגעברענט.
אָבער אין דער געטלעכער פינצטערניש
שפּאַצירן מיר קליינע טאַטעלעך,
פאַרקרענקטע מאַמעלעך,
צו דר׳ערד געבויגענע זיידעלעך
און געשטאָרבענע קינדער.
מיר האָבן געזען זייער בלוט
און מיר זיינען צופרידן.
מיר זיינען שיינע, שטאָלצע,
שטראַלנדיקע יידן.

*

אָן פלייש, אָןביינער, בלויז גייסט,
זאָג נביאות, בן אדם, אויב דו קאָנסט,
אין טאָל פון אומברענג.
אַז אויך דאָס רוחניות
וועט אויפשטיין פון צוזאַמענגעקלאָגטן אַש.
ס׳וועט גענענען געזאַנג צו געזאַנג,
רויך צו רויך, בענקשאַפט צו בענקשאַפט,
הייליקייט צו הייליקייט
און ס׳וועלן צוריק אויפשטיין
יידישע שטעט,
אין טאָל פון אַזויפיל
טויט־שאַטנדיקן חורבן.
זאָג נביאות, זאָג נביאות, זאָג נביאות,
ביזן לעצטן אָטעם דיינעם,
אויב דו קאָנסט.

---

(פון דער פּאָעמע ״קינות אויף די נשמות פון יידישע שטעט״)

בינם העלער
## ווען איך זאָל צוואַנציק דורות איבערלעבן

ווען איך זאָל צוואַנציק דורות איבערלעבן,
ווען איך זאָל אויף דער ערד זיין טויזנט יאָר,
וועל איך אַלץ נישט אין שטאַנד זיין איבערגעבן
די ווונדערלעכע גבורה פון מיין דור.

ווען איך זאָל קענען אַלע הודערט שפּראַכן,
וועט יעדע איינע פון זיי זיין צו בלאַס,
אַז זי זאָל קאָנען שילדערן די זאַכן,
וואָס האָבן אָפּגעשפּילט זיך אויף מיין גאַס.

און דאָך וועל איך נישט אויפהערן דערציילן –
מיין יידיש לשון וועט נישט ווערן מיד
אַרויסצורופן ווידער און צו ציילן
פון קעמפנדיקן געטאָ יעדן ייד.

אָפט דאַכט זיך, אַז איך זע באַקאַנטע אויגן,
אָפט דאַכט זיך – עמעץ שטרעקט צו מיר די הענט,
נאָר פּלוצלינג ווערן זיי מיט פלאַם פאַרצויגן
און גייען אויס אין טרערנדיקן בלענד.

אָט גייט אַנטקעגן מיר מיין בלייבער ברודער.
ער קוקט אויף מיר, נאָר איך פון שרעק ווער בלינד,
ביז וואַנען ער צעשווימט אין דעם גערודער
און אין גערדראַנג ער קומט אום און פאַרשווינדט.

איך טרעף אָן אומגעריכט אויך אויף מיין שוועסטער,
אין מוח טוט אַ שלאָג דאָס בלוט: פאַרהאַלט!
נאָר אין מיין האַלדז איר נאָמען איינגעפרעסט ווערט,
פאַרשלונגען פון המון ווערט איר געשטאַלט.

אין מאַרש צום אומשלאַג־פּלאַץ זע איך מיין מאַמען,
איך רוף פאַרצווייפלט – און זי גייט פאַרביי.
זי גייט צום אומקום מיט איר פאָלק צוזאַמען –
ווי קאָן זי דען דערהערן, אַז איך שריי?

איך רייס אַדורך די פּאָליציי־קאָרדאָנען,
איך ברעך אַדורך דעם רינג פון שאַנד און מאָרד –
און ווייטער? מער קאָן איך זיך נישט דערמאָנען,
דער חלום האַקט זיך אָפּ אויף אָט דעם אָרט.

וואַרשע, 1956

מ. זאב

## וועגן משה שקליאַרס נייעם בוך "מאָלן די אַמאָלן"

נאָך 9 יאָרן פון איינגעהאַלטענעם שטילשטאַנד. "טראָגן און אויסטראָגן", האָט, מיט דער הילף פון דעם לאָס-אַנדזשעלער יידישן קולטור-קלוב בראש מיט דער טרייער אָנפירערן לילקע מייזנער, דערזען די שיין משה שקליאַרס צענטע בוך - "מאָלן די אַמאָלן".

שוין דער דאָזיקער פאַקט, דאָס געבוירן און דער אָנהייב גאַנג פון דעם דאָזיקן בן-זקונים-בוך, אין היינטיקע ניט פריילעכע צייטן, איז פאַר אַ יידישן שרייבער אַ גרויסער נסיון. אויף דעם דאַרף מען האָבן ניט נאָר אַ ביז גאָר גרויסן זכות, נאָר אויך אַ סך כוחות, איינגעשפּאַרטן ווילן און אָנשטרענגונגען.

ווי עס איז באַוווסט, איז פאַרשטעלן אַ בוך ביז גאָר אַ נישט פשוטע אַרבעט, ווייל בעסער פון דעם, וואָס דער מחבר גופא האָט אַליין דערציילט, וועט קיינער ניט קאָנען איבערחזרן.

דאָך קאָן איך זיך נישט אָפּזאָגן פונעם פאַרגעניגן צו טיילן זיך מיט מיינע געדאַנקען, איינדרוקן און געפילן, וועלכע עס רופט אַרויס דאָס לייענען משה שקליאַרס בוך, און ס'פאַרשטייט זיך, פאַראייניוועגס, זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם מחבר, על כבודו ועל עצמו.

שוין דער נאָמען פון דעם בוך "מאָלן די אַמאָלן" וועלכער איז פאַרשרבין אויף זיינע טונקל-רויטע קאַלינקאַר-טאָוולען, רופט אַרויס פאַרטראַכטונג און פאַרוווּנדערונג: מאי קא משמע לן? - וואָס באַטייט עס "מאָלן די אַמאָלן"! - נישט "דערציילונגען", נישט "זכרונות", נישט "בילדער" פון דעם אַמאָליקן לעבן - נאָר דוקא "מאָלן די אַמאָלן".

-וואָס איז דאָס? אפשר נאָר אַ פּאָעטישער איינפאַל? ווייל מאָלן באַטייט דאָך נוצן זיך מיט פאַרבן, קאָלירן, מיט פּילקאָלירקייט!

- נו מילא, - קומט אויפן געדאַנק - צו וואָס אַ פּאָעט קאָן זיך דערטראַכטן?! מיר ווייסן דאָך, אַז נאָך פון די רוימישע צייטן עקזיסטירט אַ באַגריף licentio poetica - פּאָעטן האָבן זייערע אייגענע געזעצן. און אויב פּאַראַפראַזירן דאָס לאַטייניש גלייכוווערטל "quod licet jovi, non licet bovi" "וואָס איז דערלויבט דעם פּאָעט איז ניט דערלויבט דעם פשוטן בשר ודם". וואָלט דאָס באַדאַרפט הייסן, אַז דאָס איז פשוט אַ נאָמען פון דעם דיכטערס ניי לידער-בוך. און ווי עס איז באַוווסט, לידער טיילן זיך אויס מיט זייער בילדערישקייט - וואָס מער בילדער אין דעם ליד, אַלץ מער קינסטלעריש איז עס.

אָבער ווי נאָר מען עפנט די טאָוולען - שוין אויפן שער-בלאַט איז אָנגעשריבן "פּראָזע און לידער." דאַן ווערט די קשיא וועגן "מאָלן" נאָך האַרבער: - אין פּראָזע איז דאָך דער עיקר דער ספור המעשה, דאָס קינסטלערישע באַשרייבן, די קינסטלערישע וואָרט-שילדערונג, די שפּראַך, מיט וועלכער דער שרייבער נוצט זיך!

איז ניתי ספר ונחזה - לאָמיר אַ קוק טאָן אין בוך, גופא. דאָס בוך באַשטייט פון 2 טיילן. און אָט איז שוין דער פּראָזע-טייל איבערגעלייענט און נאָך אַ מאָל, און נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט, און ס'ווילט זיך ניט צעשיידן מיט אים. ער פאַרכאַפּט אייך מיט זיין אומגעווייטלעכקייט. מיט דער ליריש-פּאָעטישער בילדערישקייט, אָנגעפילטער מיט פאַרשידענע פאַרבן.

און פֿאַר דעם לייענער באַווייזן זיך טאַקע עכטע געמעלן – געמעלן פֿון די אַמאָלן – באַקאַנטע בילדער און געשטאַלטן, וועלכע ניט נאָר דער וואָרט־קינסטלער, נאָר אויך מיר, די לייענער האָבן זיי אַ מאָל געזען, און דערפֿאַר ווערן זיי פֿאַר אונדז אינטים און נאָענט.

דער פּראָזע־טייל הייבט זיך אָן פֿון אַ געמעל "אַזוי גייט צום טויט דער לערער ישראל", וואָס דערמאַנט דעם נביא יחזקאל אין דעם טויט־טאָל פֿון די טרוקענע ביינער. דער ראָזיקער געמעל דינט פֿאַר דעם בוך ווי אַ מוזיקאַלישער שליסל, ווי דער הויפּטמאָטיוו צו די 11 קורצע לירישע פּראָזע־עסייען.

יעדער עסיי איז אַ פֿאַרענדיקטע פּאָעטישע נאָוועלע, איר קאָנט איבערלייענען נאָר איינע פֿון זיי און אָפּלייגן די אַנדערע אויף מאָרגן. אָבער זי וועט אייך נישט לאָזן צו רו, און איר וועט מוזן לייענען די צווייטע, די דריטע און אַזוי ביזן סוף. און אָט, די אַלע באַזונדערע בילדער־זעונגען, געמאָלטע מיט פֿילקאָליריקע וואָרט־פֿאַרבן, לייגן זיך צונויף אין אַ פֿאַרענדיקטער עלעף־טייליקער פּאָעמע, וואָס דערמאָנט אין אַן אַלט־נייער ימים נוראימדיקער "ונתנה תוקף"־תּפֿילה, ווייל חותם יד כל אדם בו. אין דעם ראָזיקן ספֿר האָט דער מחבר קיינעם נישט אַדורכגעלאָזט. כבקרת רועה עדרו – האָט ער אויסגעווייטיקט און אויסגעמאָלט יעדן איינעם, יעדן פֿריינד און יעדן שונא, אַלע פֿריידיקע און אַלע שוידערלעכע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך געטראָפֿן אין די קינדער־יאָרן און יוגענטלעכן אָנהייב פֿון זיין לעבנס־וועג.

– "...און עס איז געווען אויפֿם דריטן טאָג, ווי עס איז געוואָרן פֿרימאָרגן, אַזוי זענען געוואָרן דונערן און בליצן, און אַ שווערער וואָלקן אויפֿן באַרג, און דאָס קול פֿון שופֿר איז געווען זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געציטערט. און משה האָט אַרויסגעפֿירט דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון לאַגער גאָט אַנטקעגן" – מיט דעם ראָזיקן חומש־געמעל פֿלעכט דורך מ. שקליאַר זיין מגילת האש פֿון יענער שרעקלעכער צייט

דער הויפּט־העלד פֿון דעם בוך איז מאירקע, – אַ פּנים, דעם מחברס alter ego. אין זיין נאָמען און אין דער "איך־פֿאָרעם" פֿירט זיך דער ספּור־המעשה. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דער פּראָזע־טייל איז אַ זכרונות־בוך. אין אים האָט דער מחבר נאָר פֿאַרקריצט פֿאַרשידענע אויטאָביאָגראַפֿישע עלעמענטן – זיין טאַטע־מאַמע, די שול־חברים, די לערערס, זיינע ערשטע ליבע־געפֿילן; די אָרימע יידישע וואַרשעווער געסלעך, אין וועלכע עס זענען פֿאַרפֿלויגן מאירקעס קינדער – און דערוואַקסלינגס־יאָרן; די ערשטע טעג און שרעקלעכע סצענעס פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה א.אַ. אָבער ניט זיי שעפּן אויס דעם אינהאַלט פֿון דער אָנגערופֿענער פּאָעמע. זיי דינען דעם קינסטלער נאָר ווי אַן אַרויסגאַנג־פּונקט און אַלס פּלאַסטישער מאַטעריאַל פֿאַר זיין אויפֿגערעגטן דמיון, פֿאַר זיינע, אָפֿט פֿאַנטאַסמאָגאָרישע זעונגען און מאָלערייען, וועלכע פֿאַרוואַנדלען דאָס ראָזיקע פּראָזע־בוך אין אַן אויטענטיש קונסט־ווערק פֿון אַ באַזונדערן זשאַנער.

די ערשטע נאָוועלע רופֿט זיך "ווידער אין שול". צו איר, צו דער ראָזיקער שול קערן זיך אום, נאָך דער מלחמה, די געראַטעוועטע פֿון טויט אַמאָליקע שילערס, און צווישן זיי אויך – מאירקע. ער איז שווער קראַנק. "אין קאָפּ רויען זיך פֿאַרשיידענע געדאַנקען, אָפּגעריסענע בילדער, ער פֿיבערט, און אין דער ווילדער פֿאַרטראָגנקייט דערזעט ער זיך אין זיין אַלמאַ מאַטער, אין דער וואַרשעווער באָראָכאָוו־שול אויף מוראַנאָווסקע 16, וועלכע ער האָט פֿאַרענדיקט און פֿאַרלאָזט אַ סך יאָרן צוריק, איצט איז ער געקומען זיך טרעפֿן מיט זיינע מיטשילערס אויף זייער יערלעכן באַל.

אין זיין צעהיצטער פֿאַנטאַזיע באַוויזן זיך "סקעלעטן פֿון הייזער, אויסגעברענטע חורבות "און צווישן זיי קוקן אויף מיר אַ פּאָר שוואַרצע, שמייכלענדיקע אויגן" (...) "דאָס זענען אירע אויגן, שרהלע קאַצס" (...) "קויל־שוואַרצע, אויגן, אַרויסרופֿעריש‎‎ע, ...איינגעהילטע אין אַ טיפֿן טרויער אונטער די געדיכטע שוואַרצע וויעס" (...) "דער רויטער אָפּשיין פֿונעם זונפֿאַרגאַנג שפּיגלט זיך אין דער ווייסל און אין שרהלעס אויגן" (...) "עס שטייט פֿאַר מיר אַ נימפֿע" (...) שלאַנק, בייגעוודיק, מיט צוויי פֿולע בריסט פֿון אַ רייפֿער פֿרוי און שמאָלע היפֿטן פֿון אַ קינד" (ז. 11–12)

– איז דען דאָס ניט קיין געמעלן? – דאָס איז בלי ספֿק אַ פֿאַרענדיקטער, אַן אויסגעמאָלטער פּילפּאַרביקער פּאָרטרעט פֿון אַ געליבטער! – נאָר אַ מאָל־קינסטלער איז מסוגל אַזוי בולט מיט 2–3 שטריכן אויסמאָלן דאָס בילד פֿון זיין אַמאָליקער, ווייזט אויס, ערשטער און ניט פֿאַרגאַנגענער ליבע. שרהלעס בילד לעבט אין מאירקעס האַרץ. ניט איין מאָל ווערט שרהלע אויפֿטויכן אין זיין דמיון. אין אַלע שווערע סיטואַציעס באַווייזט זי זיך, ווי דער מלאך הגואל, און ראַטעוועט אים פֿון אַלדאָס בייז.

מאירקע פֿאַרמאָגט אַ ליבערייכע נשמה. אָט באַווייזט זיך פֿאַר אייך מלכהלע דעם גרויסן שרייבערס "הערש דוד נאָמבערגס אייניקל, "מלכהלע, די לאַכערקע מיט צוויי גאָלדענע צעפּלעך פֿאַרוואָרפֿן אויף די שמאָלע אַקסלען". (ז. 14). היינט איז זי אין טרויער – ס'איז געשטאָרבן איר זיידע, און מאירקע מיט רייזעלען גייען זי טרייסטן. "עס הויבט זיך אים אָן טראַכטן, אַז ער איז פֿאַרליבט אין רייזעלען. ער גייט אַוועק מיט איר שפּאַצירן. "און אָט איז די שטאָט הינטער אונדז. גרינע וועלדער קומען אונדז אַנטקעגן, אַ רויטע זון צינדט אָן דעם האָריזאָנט און זעצט זיך פּאַמעלעך הינטער די ביימער־קרוינען. איך קוק אויף רייזעלען און זע, ווי די רויטקייט שפּיגלט זיך אָפּ אין איר פּנים" (...) פֿון אירע גרויסע ברוינע אויגן רינען טרערן" (ז. 46).

מיט גרויס ליבשאַפֿט און מיט וואַרעמע ווייכע פֿאַרבן מאָלט משה שקליאַר זיינע לערער, חברים און קעמפֿער פֿאַר אַ בעסער לעבן. יעדער איינער פֿון זיי האָט זיין אייגענעם אויסזע, זיינע שטריכן, זיינע באַוועגונגען, און זיין אייגענעם יידישן דיאַלעקט. אָבער אַלע זיי פֿאַראייניקט גוטסקייט, מיטלייד צו די באַעוולטע און גרייטקייט זיך ווידערשטעלן דעם שונא, קומען צו הילף לכל דיכפֿין בעת צרה.

מאירקע ווערט פֿאַריתומט. "צו שפּעט" איז געקומען דער דאָקטער, און זיין מאַמע איז נפֿטר געוואָרן. דאָס ייִנגל וואָס קאָן נאָך ניט באַנעמען דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפֿן, וויינט. אַלע שכנים און חברים זשאַלעווען אים, באַמיען זיך אים באַרויקן, מיט עפּעס־וואָס העלפֿן, נאָר ער איז פֿאַרגליווערט אין ליידן. ער קאָן ניט איינשלאָפֿן.

–"שוואַרצע שאָטנס לויפֿן איבער די ווענט און שטרעקן זייערע הענט צו מיר" (...) "אַ גרויסער שאָטן כאַפּט מיין מאַמען און שוועבט איבערן סופֿיט וואָס מיניעט זיך מיט בלוי־ווייסע פֿאַרבן. דער סופֿיט צעעפֿנט זיך, און דורכן גרויסן לאָך שיינט אַריין די לבנה מיט אַ פּאָר אויסגעשטאַרצטע אויגן און אַן אויסגעקרימט מויל. די שטערן ארום ברענען, דער הימל ברענט, און דער גרויסער שאָטן, מיט מיין מאַמען אויף די הענט טראָגט זיך אַלץ העכער און העכער." (ז.ז. 34–35)

דאָס דאָזיקע געמעל פֿון די "אַמאָלן": די בלוי ווייסע פֿאַרבן, דער צעעפֿנטער סופֿיט, די משונהדיקע לבנה, די ברענעדיקע שטערן און די מאַמע וואָס טראָגט זיך אינעם הימל אַלץ העכער און העכער דערמאָנען דאָך... וועמען?

–יאָ! אויף געוויס! אַ בילד פֿון מאַרק שאַגאַלן!

און אַזוי כּמעט אויף יעדער זייטל פֿון פּראָזע־בוך.

אין די לעצטע 7 נאָוועלן טראָגט אונדז דער מחבר אַריבער אין אָפּגרונט - אין די אונטערערדישע קאַנאַלן, און בונקערס פֿון וואַרשעווער געטאָ.

פֿאַר דער פֿאַרלאָפֿענער צייט - מער פֿון אַ האַלב־יאָרהונדערט - איז וועגן דעם שוין אָנגעשריבן געוואָרן אַ ביז גאָר גרויסע ליטעראַטור. אויך משה שקליאַר האָט אין זיינע ווערק ניט איין מאָל געווידמעט זיינע פֿיינפֿולע דראַמאַטישע לידער דער ראָזיקער אָנגעוויטיקטער טעמע. וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ס'איז שוין נישטאָ מער וואָס צו צוגעבן. אָבער, מאָלנדיק די אַמאָלן האָט דער וואָרט־קינסטלער משה שקליאַר באַוויזן, אַז ס'איז נישט אַזוי. אין דעם באַשטייט דאָך די קונסט. זי איז שטענדיק ניי!

אָט מאָלט דער מחבר אַ בילד וואָס דערמאָנט אונדז יאַנוש קאָרטשאַקן - אין זיין לעצטן מאַרש מיט זיינע שילער צום טרעבלינקער שחיטה־הויז:

דער לערער זייד האָט אָנגעפֿירט מיט אַ געהיימער קינדערשול. אין איינעם אַ פֿרימאָרגן איז די שול באַפֿאַלן געוואָרן דורך געסטאַפּאָלייט. די קינדער צוזאַמען מיט די לערערס פֿירט מען צום אומשלאַגפּלאַץ. אַ ייִנגעלע פּרוווט אַנטלויפֿן. אַ געסטאַפּאָוועץ שלעפּט אַרויס דעם רעוואָלווער, גרייט צו שיסן. דער לערער זייד כאַפּט אָן דעם דייטש פֿאַר דער האַנט. יענער טוט אים אַ זעץ מיטן קולאַק אין פּנים. דער לערער פֿאַלט, און דער דייטש דערשיסט דאָס קינד. ס'איז געוואָרן אַ מהומה. פֿון אַ טויער האָט זיך אַרויסגערוקט אַ האַנט און אַריינגעצויגן אינעווייניק דעם פֿאַרבלוטיקטן לערער. ער איז געבליבן לעבן, אָבער נישט אויף לאַנג: "אָן די שילערס זיינע האָט ער שוין מער קיין לעבן ניט געהאַט". אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים געפֿונען צוזאַמען מיט זיין פֿרוי און די צוויי ייִנגערע קינדער אָפּגעסמטע..." קיינער האָט זיי ניט באַגלייט צום בית עלמין. ניט קיין שילערס. נישט קיין פֿריינד. קיינער איז מער נישט געבליבן". (ז.ז. 75-76)

אין דעם ראָזיקן אויסצוג זענען באַשריבן אַ ריי דראַמאַטישע בילדער. אָבער אין דער לעצטער שורה - נאָר אין איין פּאָעטישער שורה - איז אויסגעמאָלט דאָס שרעקלעכסטע בילד פֿון די אַמאָלן: "נישט קיין שילערס, נישט קיין פֿריינד. קיינער איז מער נישט פֿאַרבליבן."

און אָט איז נאָך אַן אויסגעמאָלטע סצענע פֿון דעם שרעקלעכן אַמאָל: נישט ווייט פֿונעם בית עולם שטייט אַ גרופּע שרייענדיקע בעטלערס. פּלוצעם קומט אָן אַ לאַסטאויטאָ מיט עס־עס־לייט. איין גרופּע מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן רינגלען אַרום די בעטלערס. די אַנדערע שלעפּן אַראָפּ פֿון דעם לאַסטאויטאָ עטלעכע בלאָנדע מיידלעך און באַפֿוילן זיי זיך אויסטאָן. די מיידלעך שטייען נאַקעט און ציטערן הגם "די זון האָט געוואַרעמט... געלע בלעטער פֿון די ביימער... פֿאַרטראָגענע פֿון ווינט, זענען געפֿאַלן אויף די בלאָנדע קעפּ און ווי דערנער זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין די מיידלעכס האָר" (ז. 96)

-טאַנצט, פֿאַרפֿלוכטע יודע, טאַנצט מיט די מערכען! (...) האָבן געשריגן די דייטשן און באַפֿוילן זיי זאָלן פֿאַרלייגן די הענט אַרום די מיידלעכס לענדן" (...) קיינער רירט זיך נישט פֿון אָרט. נאָר נאָך דעם, ווען עס האָבן אָפּגעהילכט שאָסן, און די קוילן זענען געפֿלויגן נידעריק איבער זייערע קעפּ, פֿאַלן צו די בעטלערס צו די מיידלעך און טאַנצן אין אַ ראָד". (...) אַ קליינינקער ייד ("שטיקלייד") וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טאַנצן "איז געלעגן אויף דער ערד און זיך געוואָרפֿן אין קאָנוולסיעס. איבער אים איז

געשטאַנען אַ רייטש און מיט זיין גלאַנצנדיקן שטיוול אים געקאָפּעט אין בויך".

"אַ גרויער וואָלקן האָט פּלוצעם פאַרשטעלט די זון, און פון הימל האָט אַ גאָס געטאָן אַ רעגן. גרויסע בלויטקע טראָפּנס זענען געפאַלן אויף דער גאָס באַגלייט פון דונערן און בליצן, וואָס האָבן אָנגעצונדן די ביימערקרוינען" (ז. 97)

אין עטלעכע שורות - אַ גאַנצע גאַלעריי פון פילפאַרביקע גרויזאַמע וואָרט־געמעלן, - גרויזאַמע! אַפילו די נאַטור אַליין האָט דאָס ניט אויסגעהאַלטן! אין די דאָזיקע געמעלן געפינען זיך שוין שטריכן פון גבורה און ווידערשטאַנד.

- ניין! ניט שטענדיק ווי שאָף צו דער שחיטה זענען געגאַנגען די אומבאַוואָפנטע וואַרשעווער יידן!

מיט געדריכטע פאַרבן מאָלט משה שקליאַר זיינע העלדן: מאירקען סרוליקן, שמאַיען, איטשע דראָנגאַל. דער לעצטער צעברעכט די קראַטעס פון דעם פענצטערל אין דעם איילנדיקן פראַכטוואַגאָן, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיר יידן, געפירטע צו שחיטה. און דורך דער געמאַכטער לאָך וואַרפט איטשע דראָנגאַל אַרויס אין דרויסן דעם שטיקלייר, וועלכער ווערט דערנאָך אין קדושה און גבורה "אַלץ גרעסער און גרעסער".

ניט געקוקט אויף די שרעקלעכסטע טויט־געפאַרן לאָזן זיין זיך אין וועג צו דעראַבערן געווער. אין דעם דאָזיקן וועג טרעפן זיי זיך מיט דעם יידן־פריינד, פאַן אַנטאַני, וועלכער טיילט זיך מיט זיי מיט ברויט און געלייגער, פירט זיי צונויף מיט פּוילישע פאַרטיזאַנער, מיט וועלכע זיי זענען פריער פיל יאָרן געווען אין דער זעלבער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע, "אין תפיסה מיט דעם לעצטן שטיקל ברויט זיך געטיילט". עס ווייזט זיך, אָבער אַרויס, אַז די דאָזיקע פאַרטיזאַנער זענען בלוטיקע אַנטיסעמיטן, וועלכע פאָדערן פון די יידישע יינגלעך גאָלד, פאַר איין רעוואָלווער נאַרן זיי אויס ביי זיי דאָס לעצטע געלט, דערנידעריקן זיי און שפּעטן זיי אויס.

דער שטיקלייר, וועלכער איז אַרויסגעשפּרונגען פון דעם פאַרשלאָסענעם לויפנדיקן וואַגאָן, ליגט אין אַ פעלד אַ צעהרגעטער, מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אַ שרעקלעכן קאָפּווייטיק. ער עפנט אויף די אויגן און פאַר אים שטייט אַ פּויער.

-וואָס טוסטו דאָ, זשידעק - פרעגט ער מיט אַ קוויטשענדיק קולעכל - אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן?

(...) ער האָט מער גאָרנישט געזאָגט, דער פּויער" (...) ער האָט זיך אָנגעבויגן איבער מיר, אַראָפּגעצויגן די שיך פון מיינע פיס און אַרויפגעצויגן זיי אויף זיינע באָרוועסע טרעטערס. "זיי פּאַסן" - האָט ער געזאָגט ווי צו זיך אַליין . - (...)" (ז. 104) און איז אַוועק.

דאָס איז אויך אַ מורא־ואיומדיק געמעל, וואָס מאָנט: "זכור מה שעשה לך עמלק!

מיט דעם איינציקן שטיקל געווער, איבערקומענדיק אַלע טויטגעפאַרן קערט זיך אום מאירקע אין געטאָ, דאָס מאָל - אויך... צו שפּעט. און מיר דערזעען פאַר זיך ווידער אַמאָל אַ שאַגאַל־געמעל: די שול ליגט שוין אין חורבות. פון איר איז בלויז איין וואַנט געבליבן שטיין, ווי אַ מצבה איבער אַ פאַרשניטן לעבן, ווי דער כותל המערבי אין ירושלים..." (ז. 105)

"נישט קיין פריינד, נישט קיין קינדער, נישט קיין שילער, קיינער נישט פאַרבליבן"!

יעצט ווערט פאַר אונדז קלאָר צוליב וואָס עס איז אַוועק דער לערער ישראל צו די ביינער פון זיינע תלמידים אין טאָל:

"ער גייט און ער הערט אויף זיין וועג אויפן שווערן,
ווי ס'רופן די ביינער: אוי לערער, אוי לערער!
אָרום איז אַ שטאָט שוין אין גאַנצן פאַרטיליקט,
נאָר זיי האָבן אַלץ נאָך דעם טויט ניט באַוויליקט",
(...) "האָט ער אינעם טאָל פון די ביינער געניידערט,
צוזאַמענגענומען די קינדערשע גלידער,
ער האָט מיט זיין אָטעם געטרייען און הייסן
די קינדערשע ביינדעלעך לעבן געהייסן". (ז8)

און עס איז געשען אַ נס: די קינדער זענען ווידער זיך צונויפגעקומען צו זייער שולע. צווישן זיי אויך דער אַלטער לערער. ער פאָדערט מען זאָל די אַרויסגעוואָרפענע בענק אַרויפטראָגן אין די קלאַסצימערן. נאָר ווי אַזוי און ווּהין זיי טראָגן? פון דער שולע איז דאָך געבליבן נאָר איין וואַנט! דערצו נאָך זענען די בענק צוגעפּרוירן צום פאַרשנייטן באָדן, און קיין לאָפּעטעס זענען ניטאָ. "אַלע זענען צעבראָכן געוואָרן ביים קובר זיין די מתים!" (ז. 109)

און מאירקע, אַ מידער, זעצט זיך צו אויף אַ באַנק און ווערט אַנטשלאָפן. און פאַרשידענע חזיונות פאַרפלייצן זיין מוח. ס'קומט צו אים שרהלע. פון אירע אויגן פאַלן טרערן אויף מאירקעס פּנים. זיי וועקן אים אויף. ער קושט איר ווייכע האַנט. "און אין קאָפּ פלאָנטערט זיך אַ גאַנץ לעבן, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. אָט בין איך אַ קינד געווען און אָט אַ דערוואַקסענער, אין געטאָ, אין וואַלד, אין שול מיט די יינגלעך פון מיין גאַס" (...) "און דער קאָפּ טוט אַזוי ווי... בלייב מיט מיר, קעצעלע, פאַרלאָז מיר נישט לאָז מיך נישט איבער אַליין מיט די שאָטנס..." (ז. 114)

אָזוי פאַרענדיקט זיך דער פּראָזע טייל פון משה שקליאַרס "מאָלן די אַמאָלך".

* *

*

און ווייטער גייען אַוועק לידער – דאָס 10־טע לידער־בוך פון משה שקליאַר.

און כאָטש מיר ווייסן שוין, אַז משה שקליאַר איז איינער פון די באַדייטנדיקע מייסטער פון לירישע פּאָעזיע, אַ ביז גאָר טיפער אויסדריקער פון קאָמפּליצירטע געפילן, האָט זיך געדאַכט, אַז די לידער, וועלכע זענען אַריין אין זיין פאָרגייענדיקן בוך "ליד און לעבן" (1988) שטעלן מיט זיך פאָר די העכסטע מדרגה פון זיין דיכטערישן שאַפן, האָט זיך, אָבער, אַרויסגעוויזן, אַז אין קונסט איז ניטאָ קיין סוף, קיין "העכסטע מדרגה", און ווי דער דיכטער גופא שרייבט וועגן דעם, איז אין דיכטונג ניטאָ קיין "אונטערשטע שורה"

"די אונטערשטע שורה –" (...)
"זי קאָן אויך אַ מאָל
ווי אַ בשורה
אַ שוועב טאָן אין מיטן,
אַ לייכט טאָן
מיט ווערטער צעגליטע
וואָס פירן צו נייעם באַגינען" (ז. 135)

איז טאַקע מ. שקליאַרס 10־טע פּאָעזיע־בוך, אַ נייער, אַ "מיט ווערטער צעגליטער

באַגינען" – אַ באַגינען פון נייער ריכטערישער שאַפונג, וועלכע ער באַצייכנט מיט 3 ווערטער – "מאָלן די אַמאָלן". ס'איז, אָבער, וויכטיק צו באַטאָנען, אַז דער נייער באַגינען האָט זיך אים געגעבן ניט לייכט. ער האָט באַדאַרפט גובר זיין אין זיך דעם יאוש און די ביטערע שטומקייט פונעם זכרון, און אויך די פאַראָרעמטקייט פון אונדזער יידיש רערנדיק וועלטל – דאָס "שרייבן לידער נאָר אַלץ פאַר זיך אַליין"

אָט, וויאַזוי דער ריכטער גופא איז זיך מתודה:

"כ'האָב געוואָלט
ווערן אַ שאַגאַל
און מאָלן די אַמאָלן
נאָר זיי זענען
ווי ווילדע פייגל
אַרויסגעפלויגן פון זכרון.
אַ שוואַרצער וואָלקן
האָט געשטעלט זיך
צווישן מיר
און אַלע מיינע יאָרן (...)
אַלע זענען זיי פאַרלאָרן
אין אַ העליש פייער
און זיי שטאַרבן
צוזאַמען מיט די פאַרבן
אויף מיין פאַלעטע"... (ז. 117)

עס האָט געמוזט נעמען צייט, און עס האָבן באַדאַרפט זיך אויסקריסטאַליזירן אינערלעכע מאָטיוון און געוויסע אָביעקטיווע געשעענישן, וועלכע האָבן "נאָך אַ לאַנגן שווייגן / נאָך אַ לאַנגן שטומען" / גורם געווען. אַז ס'זאָלן ווידער "קומען ווערטער ווי בלומען – / פילקאָלירק. / פילבאַטייטיק" /! (ז. 131)

וואָס זשע איז געשען אַזוינס, איידער ס'האָבן "אויפגעלעבט ווי פאַרוועלקטע בלומען" און ווידער זיך צעבליט די פאַרבן און די מוזיק פון דעם צייטווייליק שווייגנדיקן זינגער?

ווי מיר ווייסן, איז אונדזער ריכטער אויסגעוואַקסן אין וואַרשע. איר האָט ער אָפּגעגעבן כמעט אַ האַלב פון זיין לעבן. דאָרטן האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די מוזיק פון דעם פוילישן יידישן מאַמע־לשון, דאָרטן האָבן דערזען די שיין זיינע ערשטע לידער, זיינע 5 לידער־זאַמלונגען. מיט גרויסן ווייטיק און פיינלעכער אַנטוישונג האָט ער מיט אַ קללה אויף די ליפּן געמוזט פאַרלאָזן זיין ווידער אויפגעבויטע היים, זיין היימלאַנד, און נאָך דעם וואַנדערוועג איז ער געקומען אין דער מלאכים שטאָט ער האָט. אָבער, ניט אויפגעהערט צו בענקען.

מיר געדענקען די פּערזן פון זיין "לידערלאַנד" (1988)

"און מיך ציט אַלץ אַהין / ווו איך בין דאָ / און בין נישטאָ, / ווו איך בין יונג, / ווו איך בין אַלט /"... און מיט דעם "ציען" קאָן מען גאָרנישט אויפטאָן! אַ מיאוסע זאַך איז די נאָסטאַלגיע. און דער ריכטער דערפילט, אַז ער מוז באַזוכן וואַרשע

"דאָס וואָרט,
דאָס לאַנג פאַרגעסענע

אויף ס'נייַ דערהערן
"(...) בלויז דער קלאַנג
זאָל, ווי אַ מאָל
וויברירן
מיט יענעם ציטער
וואָס האָט מייַן האַרץ
צעגליט"... (132)

און אין 1992, נאָך 25 יאָר פון בענקען:
"דער דיכטער איז צוריקגעקומען
נאָך די יאָרן אין די פרעמדן
צו פאָכענדיקע בלומען
(...) / צו זייַן ליד, וואָס פלעגט דאָ
צערטלען, טרייסטן, מאָנען" (ז. 139)

... דאָ "חלומט ווידער אויף" זייַן זכרון, און זייַן ווונטש "ווערן אַ שאַגאַל"... איז מקוים געוואָרן. און זייַן דמיון מאָלט, ניט נאָר די אַמאָלן, נאָר אויך די נישט פרייַלעכע פוילישע הייַנטן. פון זיי ווייעט "פאַלשער מיטגעפיל" און די "אַלטע, נייַע שנאה / און אין ווילדגראָז – קברים, קברים /"... און דער דיכטער פאַרטרויט אונדז זייַן אָפּנהאַרציקן ווידוי, וועלכער באַשטייט פון וווּנדערבאַרע קורצע לידער, אָפּט מיניאַטורן – פילפאַרביקע געמעלן.

ס'איז פשוט שווער אויסצוקלייבן פון זיי דאָס שענסטע און דאָס איבערצייַגעוודיקסטע.

יעדער ליד איז אַ פאַרענדיקט קונסט־געמעל, וואָס פינקלט ווי אַן אויסגעשליפענע, ציטערנדיקע פּערל אין דעם לעצטן קרעלן־שנירל פון משה שקליאַרס דיכטונג.

און דאָך קאָן איך ניט גובר זייַן מייַן יצר:

דער דיכטער קומט צו גיין אויף די גאַסן, וועלכע די דייַטשישע מערדערס האָבן אומגעבראַכט. די ווידער אויפגעבויטע הייזער און די גאַסן איז שווער צו דערקענען. פון זיי בלאָזט מיט פרעמדקייט און מיט טרויער. און ווען ער קומט צו אַ הויז, וואָס איז אַ מאָל געווען זייַן היים, איז דאָס...

"נישט קיין היים מער, בלויז אַ נומער
און שאָטנס שאָטענען אַרום דאָ
ווי פון אונטערערד געקומען מיך
באַגריסן. כ'וויל עמעצן אַ האַנט
דערלאַנגען, נאָר זי בלייַבט הענגען
אין לופטן, אָן שום באַרירונג.
בלויז דער ווינט, וואָס בלאָזט אָן שטויבן
גלעט מייַן פאַרגליווערט פנים"... (ז. 149)

ער גייט אַוועק צום געטאָ־דענקמאָל, "וואָס שטייט שטום אַליין"... "און שטרעקט הענט פאַרבראָכענע / צום הימל ליידיקן / וואָס קוקט בלינד / ווי ס'גייט און גייט / אַ מאַמע מיט אַ קינד / אויף הונגעריקע הענט / און ס'גייען יידן – מתים / מיט ביקסן און טליתים / און אַרום עס ברענט מייַן יידנשטאָט / און ס'ברענט די בלום / מייַן האַרץ / וואָס כ'האָב געלאָזן דאָ / מיט יאָרן לאַנג צוריק /" (ז. 146)

– אין גאַנצן 10 קורצע שורות און אין זיי אַ גרויזאַמע פּאַנאָראַמע פון דו אויסגעמאָלטע "אַמאָלן".

אומעטום, אויף אַלע וועגן באַגלייטן אים ווייטיק און פּיין, און ער דערזעט פאר זיך

"צוויי גליענדיקע קוילן –
שוואַרצע אויגן
וואָס וויינען". (...)
"און כ'הער ס'געוויין
פון די שוואַרצע אויגן
פון די גליענדיקע קוילן
וואָס כ'האָב געלאָזן
ביים געטאָ־וואַנט
אין פוילן
און זיי ברענען מיינע טריט
און זיי ברענען
אין מיין
ליד" (ז. 147)

– יאָ! דער באַזוך אין וואַרשע, דאָס קומען צו די פאַרנאַכלעסיקטע, מיט ווילדגראָז פאַרוואַקסענע קברים, האָט ווי מיט אַן עלעקטראָשאָק אויפגעוועקט דעם דיכטערס זכרון און מיט גליענדיקע קוילן אָנגעצונדן זיין דיכטערישן דמיון אָבער זיין ווייטיק האָט זיך ניט אויסגעהיילט.

און דער דיכטער לאָזט זיך ווייטער אין וועג, קיין ישראל "ווידער ביים ים כנרת, / דער זעלבער גרין און בלאָ" (...) אַ קילער אינדערפרי / און כ'הער נאָך אַלץ / דאָס לויטערע געזאַנג / גלייך ס'וואָלט אַ ווינט / געבראַכט עס פון די בערג / צו מיר – / ים כנרת שלי"... (ז. 200)

דער דיכטער באַזוכט די בערג פון יהודה און ס'ווערט ביי אים פאַרכאַפּט דער אָטעם. אַלץ רופט אַרויס וווּנדער –

"פאַרהילט אין געהיימ'ניש
די ביימער זיי לייכטן
אין אָוונט־שעה שפּעטער
ווי ברענענדע דאָרנס.
מיר דאַכט זיך איך קלעטער
אַליין דאָרט פאַרלאָרן.
מיט הענט אויסגעצויגן
צו שטיינערנע גרודעס
און ס'בלענדן אין אויגן
די בערג פון יהודה"

אָבער די גרעסטע פרייד דערפילט דער דיכטער. ווען ער טרעפט זיך ביים ים המלח מיט "יידן פון עומעטום – פון אַלע ווייטן" מען פרווט זיך צוזאַמענרעדן,

"ביז אַ ייד פון מיינע קאַנטן" (...)
"גיט אַ זאָג מיט ווערטער אַלט־באַקאַנטע
"צ'האָט פאַרגעסן אונדזער יידיש, האָט עץ?" (...)

"יעדער וואָרפט אַריין זיינע צוויי גראָשן",
לסוף זאָגט איינער, וואָס נישט לאַנג פון ריגע:
- אַ געזונט אין אונדזער מאַמע־לשון!/

און ביי דעם איינגעהאַלטענעם, פּאַרהאַרטעוועטן פּאָעט, וועלכער האָט אין די שווערסטע אומשטענדן קיין מאָל נישט געוויינט.

"שטעלן זיך טרערן אין די אויגן.
זאָל עס זיין דאָס זאַלץ פון ים המלח?
האָב איך צום האַרצקלאַפּן זיך אָנגעבויגן
און אַרויסגעהערט - אויב דיך פאַרגעסן וועל איך..."

"אם אשכחך"! וואָס קאָן זיין מער תנכיש. אַ ביז גאָר ניי געמיט, אַ נייע פאַרבן־גאַמע און נייע געמעלן! באמת קומט אויפן זינען דאָס גלייכוועטל פון אונדזערע חז"ל: "אַווירא דישראל מחכימאָ ומבריאָ" - "די ישראל־לופט מאַכט קלוג און געזונט"!

פון ישראל איז אונדזער משה געקומען אַן אָפּגעפרישטער און זיין מוזע האָט זיך ווידער צעבליט מיט נייע קלאַנגען מיט נייע פאַרבן, מיט נייע צערטלעכע געמעלן וועלכע ער האָט אויסגעמאָלט אין זיין לעצטן בוך.

אין דעם ראָזיקן בוך ווידמעט דער דיכטער לידער דעם דעם יידישן לשון, אָן וועלכן "כ'בין אַ טייך וואָס הערט אויף פליסן", ווי "דאָס ליכט וואָס ווערט פאַרלאָשן"! (אַפילו דאָ, - אין צוויי שורות - צוויי געמעלן). אַ ריי ביז גאָר מילדע לידער זיינען געווידמעט דעם דיכטערס פעןחברים, וועלכע פאַרבלייבן טריי דער יידישער מוזע.

מיט באַזונדערער צערטלעכקייט און צוטרוי שיינען אַרויס די פרישע לידער, געווידמעט זיינע אייניקלעך - רינה און רזשורי און ס'פאַרשטייט זיך; זיין אייביקער שולמית. אין מינוטן פון שוואַכקייט ווענדט זיך דער דיכטער צו דבורהלען,, זיין אָנשפאַר און זיין "ווונדערזי"

"נאָר נישט אַנטשוויגן ווערן,
נאָר נישט בלייבן שטיין.
וויש פון אויגן אויס די טרערן,
גיב אַ האַנט און לאָמיר גיין". (...)
"שווער דער וועג איז, פול מיט שטערונג
אָנגעהויפט איז שטיין אויף שטיין
נאָר מיר וועלן מיד נישט ווערן. -
גיב אַ האַנט און לאָמיר גיין" (ז. 152)

די ענגע גרענעצן פון אַ קורצן עסיי דערלויבן ניט מאַריך זיין. נאָר אַפילו, אַז עס זאָל יאָ זיין אַזאַ מעגלעכקייט, וואָלט זיך סיוועסיי ניט איינגעגעבן איבערגעבן די פרעכטיקייט, צערטלעכקייט און די רייכע פילפאַרביקייט פון משה שקליאַרס "מאָלן די אַמאָלן". כדי צו דערפילן זייער טעם, מוז מען זיי לייענען, לייענען און נאָך אַ מאָל איבערלייענען.

איז ניתי ספר ונחזה!

און לאָמרי ווינטשן דעם דיכטער ניט אַנטשוויגן ווערן, ניט מיד ווערן, און ווייטער, ווייטער גיין.

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים

## לאַכט ניט פון מיר

לאַכט ניט פון מיר
כ׳ביון, מנהסתם, אין פריערדיקן גלגול
געווען אַ בוים.
עס ציט מיך צו ביימער
איך האָב ליב זייער רויש,
זייער שאָרך,
זייער פלויש.
זייער געפלעכט פון צווייגן,
זייער געדולד פון וואַקסן
פון שטייגן
און זייער שטומען פראָטעסט
קעגן העפקרדיקן ווינט
וואָס רייסט פון זיי שטיקער
און רויבט פון זיי אַוועק
בלאַט נאָך בלאַט.
דאָס איז ניט אַזוי גלאַט
דאָס איז ניט אַזוי פשוט
ביז זיי דערלעבן
צו זען אַ נייעם שפּראָץ
אויף זייערע פאַראַבלטע
צווייגן.

## אויב דו ווילסט פאַרטרויען אַ סוד

אויב דו ווילסט פאַרטרויען אַ סוד -
איז נאָר צו אַ בוים.
אויב דו ווילסט געניסן פון אַ טראָפּן שאָטן
אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג -
איז נאָר ביי אַ בוים.
אויב דו ווילסט זיך שיצן קעגן אַן אומגעריכטן רעגן
איז - אונטער אַ בוים.
אויב דו ווילסט אַז דיין געביין
זאָל האָבן אַ שומר
און טאָג און נאַכט היטן דיין שטיין
איז נאָר אַ בוים
און קיינער מער -
אַ בוים אַליין.

## כ׳בין געווען

כ׳בין געווען
אַ בלום,
אַ בין,
אַ בוים,
אַ בלאַט.

כ׳בין געווען
אַ וואַסערל וואָס פליסט,
אַ וואָרעם וואָס קריכט,
אַ פויגל,
אַ פליג,
אַ פלאַטערל,
אַ שפין
און אַ זשאַבע
מיט אויסגעלופּעטע אויגן.

איצט בין איך -
סוף כל סוף
אַ מענטש.
בין איך טאַקע -
סוף כל סוף
אַ מענטש?

פיניע פּלאָטקין

## דער גרויסער און שטילער...

פון די פּריוווייס לאַנגע, ניט קיין ענגע,
אויף וועלכע פאָרן בליצשנעל דאַרף מען קענען,
מיך אימפּאָנירן היינט די פּריוווייס יענע,
וואָס אינדערהויך אויף אָנשפּאַרפּונקטן הענגען.
זיי וועלן דיך לעם אָקעאַן געפינען,
ווו דו די כּוחות זיינע וועסט דערפילן –
דו זאָלסט אים קענען זען ניט בלויז אַ שטילן,
ניט בלויז זיין טיף און זיין פאַרנעם באַשטימען.
די כוואַליס זיינע, אָפּטמאָל אינדערפינצטער,
באַשטעטיקן, אַז ס'הויבט זיך אָן אַ שטאָרם,
גלייך נאָענט נאָענט אַ שעדוועער ווערט געבוירן
אין שאַפונגס-ליידן באַ אַ גרויסן קינסטלער.

אָפּט ווערט דער אָקעאַן אויף זיך ניט ענלעך –
באַוועגלעך ווי אַ יונגערמאַן, אומפאַרשטענדלעך.

* * *

*

דו זאָגסט, אַז צייטנווייז פלעגט זיין דיר שלעכט,
אַז דיך, ווי אין אַ סטופּע, פלעגט מען שטייסן...
פאַרוואָס דערציילסטו ניט וועגן די גוטע טעג,
מיט וועלכע, היינט אַפילע, קאָנסט זיך גרויסן?
מיט דיר דער גורל האָט זיך לאַנג געשפּילט,
נאָר ניט צעטראָטן דיך און ניט געפאַנגען.
דו האָסט זיך אַלע מאָל אַ מענטש געפילט –
געוווּסט דעם ציל און שטרענג צו אים געגאַנגען.
ווען, אָפּט מאָל, ניט געיילטערהייט, געהיים
דיין לעבן ווידער פּרוּווסט זיך איבערטראַכטן,
דערזע איך, ווי אין שפּיגל, זיך אַליין
באַשיידן, נאָר מיט אָפּשיי און מיט אַכטונג.

דו האָסט דערפאָלג געגאַרט און האָסט דערגרייכט...
פונקט ווי אַ מאָל דיין שלאַנקן קאָפּ האַלט הויך.

דעצעמבער 1997

חנן קיעל/ניו־יאָרק

# די רייכע קולטור־וועלט פון דערציער און שרייבער
# י. זילבערבערג - כאָלעוואַ

אַ גרויסע צאָל יידישע לערערס וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די יידיש וועלטלעכע שול־באַוועגונגען זענען אונדז אויך געווען באַקאַנט ווי פּאָעטן, דערציילער, ליטעראַטור־קריטיקער, היסטאָריקער און פּובליציסטן.

פון די ערשטע וואָכן זינט מיין פאַרבינדונג מיטן שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט בין איך געווען באַפריינדט מיט חבר זילבערבערג, אַ פריינדשאַפט וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון זיין לעבן. ער איז געווען דער לערער פון שול דרייצן, דערנאָך אין נייעם הויז פון שול זעקס, וואָס איז געווען נאָענט צו מיין שול אין קאָני איילענד. דורך אים האָב איך זיך באַקאַנט מיט אברהם רייזען, מאַני לייב, מנשה אונגער און אַנדערע שרייבערס און שול־טוערס. מיר געדענקען זיינע אַרטיקלען וועגן דערציונג, וועגן די לימודים אין מעטאָדיק; ער האָט צוגעגרייט פאַר די שולן שלום עליכמס מאָטל פּייסי דעם חזנס, וואָס איז אַרויס אין פינף אויפלאַגעס און פאַר דער מיטלשול עסייען און רעדעס פון ה. לייוויק, (אַרויסגעגעבן פון יידישן קולטור־קאָנגרעס), אַ סך יאָרן האָט ער געשריבן אַרטיקלען אין די רעמאָלטיקע יידישע טאָג־צייטונגען און זשורנאַלן אויף ליטעראַרישע טעמעס און וועגן זיינע דערפאַרונגען אין דענעמאַרק, איר געשיכטע און קולטור.

י. זילבערבערג כאָלעוואַ רעפּרעזענטירט אַ קולטור־סביבה וואָס האָט במשך אַ האַלבן יאָרהונדערט פאַרשריבן אַ ליכטיק קאַפּיטל פון אונדזער דור. ער קומט פון שידלאָוו - קעלצער געגענט, געלערנט אין חדר און אין דער יאַראָטשינסקי שול - לאָדזש. פון 1913 וווינט ער אין קאָפּענהאַגען. דאָרט האָט ער זיך צוגעגרייט און שטודירט אין אוניווערסיטעט פילאָזאָפיע, ליטעראַטור און געשיכטע. אין 1923 וווינט ער אין ניו יאָרק. אַרבעט ווי אַ לערער אין דער שלום עליכם פאָלק־שול און מיטלשול. ער איז באַקאַנט פון זיינע קאָרעספּאָנדענצן אין "טאָג" וועגן קאָפּענהאַגען, און שרייבט אָפּהאַנדלונגען וועגן דעניש־יידישע שרייבערס, ער איבערזעצט אויף יידיש דענישע ווערק און אויך פון יידיש אויף דעניש. אין 1946 ווערט ער פרעמירט פון "די צוקונפט" פאַר זיין עסיי וועגן דעם דעניש־יידישן שרייבער הענרי נאַטאַנסען. מיט יודל מאַרק רעדאַגירט ער אַן אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר יוגנט, אַרויסגעגעבן 1970 פון יידישן קולטור־קאָנגרעס. אין מנורה־פאַרלאַג - ישראל, זענען אַרויס זיינע ביכער "יידישע פּערזענלעכקייטן אין דענעמאַרק" און "מענטש און פאָלק" - 1967. "מענטש און פאָלק" איז אַ זאַמלונג עסייען און ליטעראַטור־קריטיק פון איבער פינף הונדערט זייטן, וואָס נעמט אַרום דעם פּעריאָד פון זיין יונג שעפעריש לעבן אין דענעמאַרק, וועגן יידישע שרייבערס און זייערע ווערק און וועגן דער יידישער שול אין אַמעריקע.

מיר האָבן זיך אָפט מיט אים באַראָטן און זענען נישט געווען די איינציקע וואָס האָבן אים. באַזוכט אין פּיערליין, ניו דזשוירזי, ווו ער האָט געוווינט אין הויז מיט זיין טאָכטערס משפחה. ער איז געווען שרייבעריש אַקטיוו ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

דאָס קאַפּיטל דענעמאַרק אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, דאָס קליינע לאַנד, וואָס

איר שטאָלצער קעניג קריסטיאַן דער צענטער האָט זיך קעגנגעשטעלט דער רייטשישער מאַכט און היטלערישן צוואַנג צו האָבן דאָס רעכט אויף פֿאַרפֿאָלגן די דאָרטיקע ייִדן, נעמט אונדז אַרום מיט ליכטיקן גלויבן און טרייסט בנוגע יענער חורבן־תקופֿה. אָט וואָס דער קעניג האָט געענטפֿערט די דייטשן: די ייִדן זענען אַ טייל פֿון דענישן פֿאָלק. אין אונדזער לאַנד האָבן מיר נישט קיין ייִדן־פּראָבלעם ווייל מיר פֿילן זיך נישט נידעריקער פֿון די ייִדן. אויב די ייִדן וועלן ווערן געצוווּנגען צו טראָגן אַ געלן מגן דוד וועל איך אין מיין פֿאַמיליע אים טראָגן ווי אַ סימן פֿון העכסטער אויסצייכענונג.

דער קעניג, דער בישאָף, דאָס דענישע פֿאָלק האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט די דענישע ייִדן וועמענס מערהייט איז געראַטעוועט געוואָרן אויף שיפֿלעך קיין שוועדן. אויך די פֿאַרשיקטע אין טערעזיען־לאַגער זענען געשטיצט געוואָרן פֿון דער דענישער מלוכה ביז דער באַפֿרייונג און צוריק־קער צו זייערע היימען און פֿריעריקע דירות. די קריסטלעכע שכנים האָבן זיי אויפֿגענומען מיט בלומען. (אין קאָנטראַסט צו די פּוילישע שכנים און צום בלוטיקן קעלץ). זילבערבערג דערמאָנט אויך די הזכרה אין דער קאָפּענהאַגען שיל נאָך די קדושים פֿון חורבן מיטן אָנטייל פֿון קעניגס נאָכפֿאָלגער, ביירע, פֿון די חסידי אומות העולם.

זילבערבערג כאַלעוואַ האָט געשריבן וועגן דער געשיכטע פֿון די דענישע ייִדן וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1626; ער האָט געשריבן וועגן דער דענישער ליטעראַטור, באַרימטע פּערזענלעכקייטן, ווי האַנס קריסטיאַן אַנדערסען, געאָרג בראַנדעס און אַנדערע ייִדן־פֿריינדלעכע קריסטן, און ייִדיש־דענישע שרייבערס, ווי דער דיכטער מאיר אהרן גאָלדשמיט, פּראָפֿעסאָר דוד סימאָנסאָן, וואָס די יודאַיקאַ ביבליאָטעק ווערט גערופֿן אויף זיין נאָמען. אינטערעסאַנט איז דעם מחברס שילדערונג פֿון וועלט־באַרימטן געאָרג בראַנדעס ווי אַ ייִד און מענטש. זילבערבערג האָט אים געקענט פּערזענלעך ווי אַ פֿריינד און פֿאַרטיידיקער פֿון ייִדישן פֿאָלק. אמת, ווי אַ קאָסמאָפּאָליט איז ער געווען אויך אַ פֿריינד פֿון פּוילישן פֿאָלק און זיין גרויסאַרטיקער פֿאַר אומאָפּהענגיקייט. ער איז געווען פֿאַרערט פֿון די פּוילישע ליבעראַלע קרייזן, אָבער ווען ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן זייער אַנטיסעמיטיזם האָבן זיי אים פֿאַרדאַמט ווי אַ ייִד. בראַנדעס איז געווען אַן אַטעיִסט און פֿאַרטיידיקער פֿון מענטשן־רעכט. אָבער דער עיקר איז ער געווען אַ דענקער, שרייבער, פּראָפֿעסאָר פֿון ליטעראַטור, קונסט און עסטעטיק.

זילבערבערג כאַלעוואַ שרייבט וועגן דער פֿריינדשאַפֿט און קאָרעספּאָנדענץ פֿון בראַנדעס, מיט ניטשע, קראָפּאָטקין. קלעמאַנסאָ, דיזראַעלי און אַנדערע באַרימטקייטן. ער איז געווען אינטערעסירט אין ד״ר הערצל און שרייבט מיט באַגייסטערונג וועגן חיים נחמן ביאַליק, דעם פּאָעט „וואָס דריקט אויס דעם חלום פֿון די ייִדישע לייענערס און זאָגט זיי אָן אַ צוקונפֿט פֿון מאָרגן־ליכט אויף ציונס ערד.״ בראַנדעס האָט געשריבן וועגן די נביאים און כתובים, וועגן איוב, און די פֿינף מגילות. ער שרייבט וועגן היינע, בערנע און וועגן לאַסאַל זאָגט ער, אַז ער איז באַשאַפֿן געוואָרן ווי אַ צעזאַר אָבער נישט ווי אַ פּרינץ, נישט קיין אַדעלמאַן נאָר פֿון מיטלשטאַנד און פֿון אַ פֿאָלק וואָס מען פֿאַרפֿאָלגט און דערנידעריקט. דערפֿאַר איז ער געוואָרן אַ דענקער, אַ דעמאָקראַט און טריבון.

דער באַליבטסטער שרייבער איז פֿאַר זילבערבערגן געווען האַנס קריסטיאַן אַנדערסען, דער וועלט־באַרימטער מעשה־דערציילער פֿאַר קינדער, דער מחבר פֿון „די געשיכטע פֿון אַ מוטער״, „דעם קעניגס נייע קליידער״. „די מיאוסע קאַטשקע״ און אַנדערע. דער מחבר דערמאָנט די שרייבערס קאַרין מיכאַעליס, פּאָול בראַכסעניוס – אַ

גלח און יידן־פריינד; אָגע בערטעלסען וואָס האָט געשריבן וועגן די נאַציִשע רדיפות אויף יידן אין דענעמאַרק. פון די יידישע שרייבערס ווערן דערמאָנט פנחס וועלנער, אַ לאָדזשער עמיגראַנט, וואָס שרייבט וועגן "באַלוט" אין דעניש; ד"ר רפאל עדעלמאַן און זיינע ווערק וועגן מעדיצין, רמב"ם און יידישע מיסטיק. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער ליטעראַטור פון דער צאנה וראנה ביז דער היינטיקער צייט; קאַפּיטלען פון מענדעלע מוכר ספרים, פרץ, שלום עליכם, שלום אַש, נאָמבערג, רחל קאָרן, חוה ראָזענפאַרב, סוצקעווער און אַנדערע. די אָפּטיילונג וועגן דענעמאַרק איז איינציק־אַרטיק און אונדזער ליטעראַטור.

2

די צווייטע אָפּטיילונג – "ראַנד־באַמערקונגען וועגן יידישע שרייבערס, נעמט אַריין אונדזערע קלאַסיקער, אָפּהאַנדלונגען וועגן דיכטער, דערציילער, עסייאיסטן און פּובליציסטן, וואָס אַ גרויסע צאָל פון זיי איז געווען פאַרבונדן מיט דערציונג. צווישן אַנדערע ד"ר, עזריאל נאַקס, לייבוש לערער, ד"ר שלמה סיימאָן, ש.ד. זינגער, יאָסל מלאָטעק, כאַנין, יוסף גאַר וכדומה. ער הייבט אָן מיטן באַליבטן אברהם רייזען, וועגן זיין לעצטער לידער־זאַמלונג און קורצע דערציילונגען וואָס ער באַטראַכט ווי קינסטלערישע פּערל פון יידישע און אוניווערסאַלע ווערטן. דער מחבר איז נאָענט מיט ה. לייוויקן וועמען ער האָט באַזוכט אין די לעצטע יאָרן פון דיכטערס לעבן. אין בוך איז פאַראַן אַן אָפּשאַצונג פון ניגערס מאָנאָגראַפיע וועגן ה. לייוויקס לעבן און זיינע ווערק; אַ בוך פון איבער פינף הונדערט זייטלעך. אויף אַ קאָנדענסירטן אויפן ווערט געשילדערט ניגערס צוגאַנג צו דער לייוויק־פּערזענלעכקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך אין זיינע לידער און דראַמעס, ווי דער דיכטער פון יאוש און גאולה. ער דערמאָנט ניגערן ווי אַן אַקטיוו־באַטייליקטן אין דערציונג, ווי אַ שרייבער און רעדאַקטאָר פון קינדער זשורנאַל ביז 1946. אין בוך איז פאַראַן אַן עסיי וועגן לייבוש לערער, וואָס איז געווען אַ יחיד בימינו אין דער וויסנשאַפטלעכער עסייאיסטיק מיט זיין צוגאַנג צו די פאַרשידענע פּסיכאָלאָגישע שיטות און דער עיקר זיין פילאָזאָפיע פון יידישקייט און יידישער דערציונג. ער דערמאָנט לערערס ראָלע אין "בויבערוק" און זיין גרעאַנגל מסביר צו זיין דעם סינטעז פון טראַדיציע אין וועלטלעכער יידישקייט אין זומער־קעמפּ. אַ קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט איז אויך געווען דער דינאַמישער שרייבער ד"ר שלמה סיימאָן וואָס זילבערבערג באַהאַנדלט זיין בוך "וואָרצלען און צווייגן" די וואָרצלען און צווייגן זענען די חדר־און ישיבה־יאָרן וואָס ד"ר סיימאָן האָט אין זיך געכאָוועט באַנאַנד מיט זיינע סעקולערע דערציונג־טעטיקייטן.

צווישן די אָפּהאַנדלונגען איז פאַראַן אַן אַרבעט וועגן דעם דיכטער און געלערנטן נ.ב. מינקאָוו‎ס "אליהו בחור און דאָס בבא – בוך", מנשה אונגערס ביכער וועגן חסידיזם; אַ רעצענזיע פון מאַטעס אָליצקיס קינדערלידער – "פרייִלעכע טעג" און וועגן אַ צאָל דראַמאַטישע פּיעסן אויפגעפירט פון רעזשיסער דוד ליכט אין דער פאָלקס בינע אין יענער צייט: דזלוזשנאָווסקיס "די איינזאַמע שיף", "דער עלעפטער יורש": באַשעוויס זינגערס" דאָס בית דין שטיבל" און לייוויקס "דער מהרם פון ראָטענבורג". ער שרייבט אויך רעצענזיעס וועגן ענגלישע ביכער אויף יידישע טעמעס ווי מערי סירקינס וועגן גאָלדע מאיר: שמעון נאָוועקס דריטער באַנד וועגן יידישע מאָדערנע דענקער אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט. ס'איז ווערט צו דערמאָנען זיין רעצענזיע וועגן קינסטלער שאול ראַסקינס בוך "פּערזענלעכער סוררעאַליזם", אַ ווערק פון גרויס באַטייט און

דערגרייכונג אין זיין קינסטלעריש שאַפעריש לעבן. מיר דערמאָנען נישט אַלע רעצענזיעס וועגן די יידישע שרייבערס, אָבער סע זענען אינטערעסאַנט די זכרונות וועגן מענדעלע מוכר ספרים. ווי אַ גאַסט אין זיין לאָדזשער יאַראָשינסקי־שול און די באַגעגעניש פון שלום עליכם אין קאָפּענהאַגען מיט די יידישע נע ונדניקעס.

3

זילבערבערג כאַלעוואַ איז מער פון אַלץ געווען פאַרבונדן מיט יידישער וועלטלעכער דערציונג. ווי אַ לערער און שרייבער. אין יודל מאַרקס "פּעדאַגאָגיש בולעטען". האָט ער זיך מתוכח געווען וועגן פּראָגראַם און מעטאָדיק איבער די לימודים פון יידיש, תנך, געשיכטע און ווי צו באַווירקן עמאָציאָנעל דעם תלמידס ליבשאַפט צו יידישקייט, זיין באַציונג צום יידישן גורל און גראַנגל פאַר קיום.

בעת דער טראַגעדיע פון חורבן האָט ביי די אָפּגעפרעמדטע אַמעריקאַנער יידן זיך געשאַפן אַ ייד־קאָמפּלעקס, און דער אויפקום פון מדינת ישראל האָט באַווירקט דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ. אונדזערע קינדער -האַלט ער -דאַרפן קריגן אַ תוכיקע דערציונג מיט טיפע וואָרצלען פון אונדזער עבר און מאָדערנע ייִדיש־מענטשלעכע אַספּיראַציעס. זיין אני מאַמין אין ייִדיש־וועלטלעכער טראַדיציאָנעלער דערציונג האָט ער דערקלערט אויף אַ פּייערלעכן באַנקעט (צו זיין געזונט ווערן פון אַ געפערלעכער קראַנקייט) פאַר אַן עולם שרייבערס, דערציערס און שול טוערס. אין דער רעדע וואָס געפינט זיך אין בוך "פאָלק און מענטש". הייבט ער אַרויס די וויכטיקייט פון לערנען יידישע ליטעראַטור, וואָס איז דער המשך פון אַלע גייסטיקע און עסטעטישע ווערטן וואָס יידן האָבן געשאַפן.

דער מחבר פּאָלעמיזירט וועגן לימוד העברעיש. ער האַלט, אַז מיר דאַרפן לערנען אויף דער אַשכנזישער הברה, דעם העברעיש וואָס איז צוגעפּאַסט צום יידיש לשון און טראַדיציע. (היינט קענען מיר אָבער נישט איגנאָרירן דעם פאַקט, אַז ישראלס רעד־שפּראַך איז עברית מיט דער ספרדישער הברה).

זילבערבערג שרייבט אַן עסיי צום צוויי הונדערטסטן נומער "פּעדאַגאָגישער בולעטין" רעדאַגירט פון יודל מאַרק, וואָס איז געווען אַ הילף פאַר די שולן מיט די לידער, געניטונגען, חנוכה־שפּילן און פורים־פּיעסן. דער בולעטין מיט די אַרטיקלען פון דערציער און יודל מאַרקס דערפאַרונגען ווי שול־אינספּעקטאָר איז אַ דאָקומענט פון אַ רייך קאַפּיטל יידישע דערציונג אין אַמעריקע.

אין דער אָפּטיילונג פון דערציונג גיט דער מחבר אַן אָפּהאַנדלונג וועגן יעפּרויקינס פּרץ־אַנטאָלאָגיע; ער שרייבט וועגן זיין צוגרייטן שלום עליכמס "טביה דער מילעכיקער" פאַר די שולן און פּאָלעמיזירט מיט גאָלאָמבן וועגן טראַדיציאָנעלער און וועלטלעכער יידישקייט. זילבערבערג האַלט, אַז די סעקולערע יידן זענען געווען די בויער און קעמפער פאַר דער מדינה; בויער פון יידישע און אפילו העברעישע שולן און אַ צאָל נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. צום סוף - זילבערבערגס אינטערעסאַנטע נאָטיצן פון אַ לערער, וואָס ער פאַרענדיקט מיט אַן עסיי וועגן יאָסל מלאָטעקס ערשטע פּליטן. ער דערמאָנט אין אַריינפיר וועגן זיין שטימונג וואָס מלאָטעק האָט אויסגעדריקט אין זיינע לידער קורץ נאָכן חורבן: "ווי קען מען היינט שלייפן די ווערטער ווי איידל־שטיינער / ווי קען מען זיי וועגן און מעסטן / ווי קען מען זיי לייענען. / ווי קען מען זיך שפּילן מיט ווערטער / ווי אַ גאָלדשמיד מיט אַ בריליאַנט / ווי קען מען היינט שפּרייזן אויף פּערזן / ווי אויף אַ ווייכן דיוואַן... און אַ צווייטע סטראָפע: דורך ימען און לענדער, דורך מויערן און ווענט / זע איך מיין מאַמעס פאַרבראָכענע הענט... ווײן איך צוזאַמען מיט

מאַמעס געוויין / פון בלייבן פאַראייניזאַמט, פון בלייבן אַליין.

און זילבערבערג גיט צו "ער איז נישט געבליבן אַליין, ער איז דער לעבעדיקסטער נערוו פון אַ פאַרצווייגטער שול־און קולטור־באַוועגונג.

די ערשטע פליטע וואָס יאָסל מלאָטעק האָט אַרויסגעגעבן מיט זיין נאַראַציע געזונגען פון מאַשאַ בעניע אין סידאָר בעלאַרסקי האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ וויגל־ליד און געענדיקט מיט ס'ברענט ברידערלעך ס'ברענט. די צווייטע פליטע פאַסט זיך פאַר שול און היים, די דריטע פליטע פאַסט זיך פאַר געזאַנג בציבור; די פערטע פליטע "אין גאָלדענעם לאַנד" שפּיגלט אָפּ אַכציק יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע.

*

דאָס בוך "פאָלק און מענטש" נעמט אויך אַריין זיינע נאָענטע פריינד, דעם קרייז לערערס און בויערס פון דער שול־באַוועגונג וואָס מיר האָבן גוט געקענט, ווי יעקב דוד בערג, דער אָפטער פרעזידענט פון שלום שליכם פאָלק־אינסטיטוט; לייביש שפּיטאַלניק, ד"ר ישראל חיים פּאָמעראַנץ און ליפּע לערער וועלנער איז אַ צייט געווען רעדאַקטאָר פון קינדער־זשורנאַל. דער מחבר האָט געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך לידער פון זיין געוועזענער תלמידה אין מיטלשול, ביטריס גאָלדסמיט, וואָס איז געווען אויך אַ באַגאַבטע קינסטלערין. ד"ר נאַקס און י. זילבערבערג האָבן געשריבן אַריינפירן און חנן קיעל האָט איבערזעצט אירע קינדער־לידער אין יידיש וואָס זענען אַריין אין איר בוך "די וועלט ווערט קלענער".

נאָך זיין פענסיאָנירטקייט איז זילבערבערג געווען אַקטיוו געזעלשאַפטלעך און שרייבעריש. ער איז געווען אַ מענטשן־פריינד מיט קולטור און ערודיציע; זיינע אַרומנעמיקע אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער און פערזענלעכקייטן זענען געווען מיט אויפריכטיקן באַנעם, רייך אין גראַנק און לשון און אָפט מיט איינגעהאַלטענער עמאָציאָנעלקייט. ער איז געווען אַ באַליבטע פערזענלעכקייט אין אונדזערע קרייזן במשך זעכציק יאָר; אַ פאַרטיידיקער און פאַרגלויביקטער אין טראַדיציע און וועלטלעכקייט אין די יידישע שולן. ער איז ביז די לעצטער טעג געווען פאַרקאָכט אין ביכער, קראַנקערהייט געשריבן און אויפגענומען זיינע פריינד. אין אַ בריוו שרייבט ער וועגן זיך "קאָגיטאָ ערגאָ סום" (דעקאַרט) "איך דענק ווייס איך, אַז איך עקזיסטיר..."

ווייניק זענען מיר געבליבן, אויך פון די ייגנסטע פון יענעם דור, וואָס האָבן געשאַפן און געווען אַקטיוו אין יידישער דערציונג אין מאַמע לשון ווי לערערס אין די קעמפּס, שול־סביבות, אויף קולטור־יום טובים. מיר זענען בלויז די רעשטלעך פון יענעם דור. מיט ליבשאַפט דערמאָנען מיר ישראל זילבערבערג־כאַלעוואַ.

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

Phone: (310) 820-2976 פאַרוואַלטונג "חשבון"

## רבקה באַסמאַן בן־חיים / הרצליה

זינט יענעם אויגנבליק
ווען כ׳האָב דערזען דעם נס
אין אָטעם פון אַ ליד,
אין ליד־געדויער,
האָב איך געוווּסט
אַ לעבן־לאַנג
ווי אונדז באַגלייט דער טרויער
מיט ליד באַזוימט,
אַזוי ווי ס׳צייכנט אָן די זון
אַ ליכטיק פעדעמל
אַרום אַ שוואַרצן וואָלקן,
אַ זוים אַ ליכטיקער אַזאַ,
וואָס האָט מיט טרער און שיין
אויף תמיד
אונדז געהאָלפן.

*

„און וואָס וועט זיין שפּעטער?״
משה שקליאַר

ס׳איז איצטער דער שפּעטער.
און גאָלדענע יאָרן
ווי גילדענע בלעטער
האָט פאַרטראָגן דער ווינט
צו אַמאָליקע שוועלן.
ניט פאַראַן איז אין ערגעץ געשריבן
אַז גאָט זאָל ביי עמעצן פרעגן
צי ס׳טוט אים געפעלן
בסדר צו טראָגן די טרעריקע עולן,
צי ס׳טוט אים געפעלן
טאָג־אויס־און־טאָג איין
מאָלן אַמאָלן.

פאַראַן איז אין ערגעץ פאַרשריבן.

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק

## איך האָב ליבערשט

איך האָב ליבערשט
די שמאָלע געסעלך,
סודותדיק פֿאַרדרייטע,
בבודיק אין זייער עניות,
ווי אַראָפּגעקומענע אָרעמע־לייט,
וואָס בעטן נישט קיין נדבות.

איך האָב ליבערשט די געסעלעך,
איידער די ליכטיקע בולוואַרן,
פֿאַרכלינעט אין זייער גראַציע,
הייבן זיך צו הימעלן נישט־געשטויגענע
אָן ממשות, אָן אַ תוך.

איך האָב ליבערשט
דאָס איינגעבאַקענע בענקען
נאָך מיינע ווייטע היימען,
מיט טונקעלע טויערן,
אויסגעבויגענע טרעטאָרן,
שטיינער קענטלעך מיר,
פֿאַרקריצט אין זכרון,
טירן שטום פֿאַרהאַקטע,
וואָס מאַטערן מיך דורך די נעכט
כאָטש ס׳איז נישט קלאָר
צו וואָס און פֿאַר וואָס
איך בענק.

## אַ ליכט אין דער נאַכט

ערשט דער באַריר פֿון צייט מיט שפּיץ פֿינגער
ערשט אַריין אין תהום פֿון פֿאַרגעסן
און שוין אַ דורך די שוואַרצע פּרינצעסין
די נאַכט אין דינע שלייערן צערונען.

זילבערן בלישטען די שטיינדלעך דערקענען
קוים באַרירט זיי מיט קלאָרן פֿאַרשטיין
און כאָטש סע ציט אַלץ צום וויגל פֿון חלום
איז גלייכער זיך האַלטן ביים ברעג פֿון תהום.

נאָר צי ס׳איז קלאָרער און וואָרער די ראיה
ביים בליציקן שיין פֿון ממשות און פֿאַקט,
צי אשפּר גאָר שאַרפֿער אין טונקל די זעונג
ווען ס׳גייט אויף ס׳דערקענען: אַ ליכט אין דער נאַכט?

עקיבא פישבין / ירושלים

# די "הגדה של פסח" פון אַרטור שיק

אַרטור שיק, דער לאָדזשער ייד, איז געווען פאַרוואָרצלט אין דעם יידישן באָדן פון פוילן – בלב ובנפש. דער אָ יידישער באָדן פון פוילן זינגט בעצם אַרויס פון זיין קונסט. שיק האָט זיך אין לעבן נישט אָפּגעזונדערט אין אַ טורעם פון שיינגייסטעריי. אַן אויסגעקאָכטער אין יידישן לעבן פון זיינע קאַנטן, פאַרבונדן און פאַרקניפּט מיט די יום־יומיקע יידישע פּראָבלעמען, האָט ער געצילט מיט זיין יצירה דעם תפארת ישראל אַרויסצוהייבן – "דעם ידיישן הויקער וויל ער אויסגלייכן אַ ביסל", האָט ער געזאָגט.

אַרטור שיק האָט געהאַלטן אַ וואַך אויג אויפן לעבן פון זיין צייט; אָבסערווירט, ווי שנאת ישראל רייסט שטיקער פון יידישן מענטש. ער האָט געזען די אויפטרייסלונגען וואָס צערודערן די געזעלשאַפט, און מיט שכל באַנומען, אַז גוטס וועט דאָס אַלץ דעם ייד נישט געבן. ווי אַ מענטש פון עטיק און מאָראַל, פלעגט שיק רעאַגירן אויף די ווילדקייטן פון אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם; טייל מאָל אין וואָרט, און עפטער מיט גרעסערע און קלענערע קינסטלערישע שאַפונגען.

די שיק "הגדה של פסח", פאַרענדיקט אין יאָר 1937, איז אַ פועל יוצא פון די שווערע כמארעס, וואָס האָבן גענומען זיך זאַמלען אין די הימלען, און אָנגעזאָגט אַ וויסטן שטורעם. אַרטור שיק האָט דאָ דערבליקט מיט די אויגן פון דער נשמה די פלאַמען פון חורבן וואָס דערנענטערן זיך צום יידישן לעבן אין פוילן. אין זיין ווונדערלעכע "הגדה", ווו ער ברענגט אַרויס דעם פוילישן ייד, קומט צום אויסדרוק דער פאָרויסגעפיל פון יידישן חורבן, דער אַנגסט, און די טיפע אמונה פון קינסטלער אין נצח ישראל.

ביים באַליכטיקן מיט שיין און שימער די אַלט־אַלטע געשיכטע מעבדות לחירות האָט אַרטור שיק געלאָזט הערן הילכיקע קלאַנגען פון זיין יידישער תקופה – די תקופה פון ערב־שטורעם אין פוילן.

שיק האָט זיין "הגדה של פסח" פאַרענדיקט מיט אַ ווידמונג ביידיש און פויליש, און דאָרט טוט ער דערקלערן "פוילן, דעם פאָטערלאַנד מיינעם, דעם דור דורתדיקן ישוב פון מיינע אבות, פאַרהייליק איך אין גרויס ליבשאַפט און ערפורכט דעם דאָזיקן ספר וועגן יציאת מצרים, און לכבוד די חשובי עיר לעמבערג, וואָס האָבן מיך דערמוטיקט צו שאַפן דאָס דאָזיקע ווערק, רוף איך אָן דאָס ספר – "די לעמבערגער הגדה".

"די לעמבערגער הגדה", דאַרף געזאָגט ווערן, איז אַ שעדעווער אין פולן זין פון וואָרט. גענוי ווי די אַלטע סופרים. האָט שיק יעדעס וואָרט פון דער הגדה געשליפן מיט דער אייגענער האַנט. ער האָט די התחלה אותיות און פיל התחלה פסוקים פאַרביק אויסגעשלייערט, און אויסגעסטראַיעט זיי מיט פינקלדיקע וויניעטן. די טעקסט פראַגמענטן האָט ער סעפּאַרירט מיט אַ לינעאַרן דעקאָר; אָפט מאָל אין פאַרשידענע קאָלירן. אויפן שטייגער פון די אַלטע מייסטער, די מיניאַטוריסטן, וואָס פלעגן אילוסטרירן באַשטעלטע ספרים, מיט דער האַנט געשריבן, האָט אויך אונדזער מייסטער פון דער מיניאַטור, "די לעמבערגער הגדה" באַזאָרגט מיט פאַרביקע בילדער פון פאַרשידענער גרייס.

דער פאַרביקער דרך פון שיקס "הגדה של פסח" האָט דעם טעם און חן פון אַ מוזיקאַלישער קלאַנגפולער פאַרטיציע. איבעראַשט ווערט דאָס אויג פון פיל־קאָליריקן עשירות! אייגנטלעך – וואָס זאָל מען דאָ פריער באַווונדערן? די צויבערדיקע פורעמונג

פון דף, וואָס טוט יום־טובדיק דערפרייען דאָס אויג? די צויבערדיקע און אין אינהאַלט רייכע מיניאַטורן? דעם ווודערלעכן דעקאָר? די בלענדיקע וויניעטן וואָס שימערירן מיט צויבער?

איר קוקט מיט התפּעלות און טראַכט - דער ראָזיקער קינסטלער בחסד עליון, ער איז דאָך עפּעס אַ מעין המתגבר! וואָס איז דאָ שייך צו רעדן - יעדער דף, יעדע שורה אָטעמט מיט יום־טובדיקער דערהויבנקייט, איצטער - טוט מען זיך אַריינטיפן אין דעם וווּנדערלעכן ווערק, אין די עקספּרעסיווע מיניאַטורן און וויניעטן, פילט מען ווי ס'קלאַפּט דאָרט דער אומרויקער דופק פון קינסטלער.

לאָמיר אַ שווים טאָן, רבותי, איבער די מלכותדיק־געפורעמטע דפים פון שיקס "הגדה של פסח" - ס'איז בפירוש כדאי.

הכלל - גלייך, נאָכן שער־בלאַט, נאָך איידער דער הגדה־טעקסט האָט זיך אָנגעהויבן, איז דער קינסטלער אונדז מכבד, אויףביידע זייטן ספר, מיט צוויי פּייערלעכע מיניאַטורן - דאָס זענען הילכיקע צוויי מבשר־אַקאָרדן; זייער אויסקלאַנג לאָזט איבער אַ רויערנדיקן עכאָ.

די ערשטע מיניאַטור, אַ מין קאָסטבאַר שטיק צירונג, אויסגעהאַמערט אין גינגאָלד, הילכט מיט דער יום־טובדיקער בשורה פון "פּסח". דער חפץ איז אויסגעגלידערט פון בעלי־חי. צוויי לייבן האַלטן אַ זיבנרעריקע מנורה. און איבער דער מנורה, היטן צוויי ריזיקע פייגל אַ געקרוינטן מגן דוד מיטן פאַראָל - "פּסח". צוויי ווייסע טייבעלעך, אָנגעשפּאַרט אין יום־טובדיקן מגן דוד, וואַכן שטאָלץ אונטער אַ קרייזיק געפורעמטן פּסוק: -"אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני". און ביים סוף, אויפן קאַרק פון ווערטיקאַל געהויבענעם געשטעל, ליגט אַ רייכע גאָלדענע קרוין.

דאָס איז דער ערשטער פּייערלעכער אָנזאָג־אַקאָרד. ער קלינגט גאָלדיק־העל; זיין אויסקלאַנג פאַרמאָגט אַ פּסחדיקן גלאַנץ.

דער צווייטער אָנזאָג־אַקאָרד, אויך ער איז מבשר דעם חג־הפּסח, אָבער שוין מיט אַ מינאָרן טעמבער. די צווייטע מיניאַטור טובלט אין טרויער; הגם באַוואַשן האָט זי שיק מיט אַ סך ליכט. אמת - דאָרט פינקלט דער צויבער פון אַ סדר־נאַכט. דער קינסטלער האָט דאָ געמאָלן דאָס גדלות פון יידישן שטייגער, וואָס ער האָט פון זיינע אבות אין זיך מיטגעטראָגן. די מעשה איז אָבער, וואָס שיק איז מלא פּחד, די צייטן זענען אומרויקע און זיין שטאַם איז אין געפאַר. מאָלט ער אָט וואָס: אונטער דעם הערב פון דער שטאָט לעמבערג זיצט דער גרייז־גראָער יידישער פאַטריאַרך אין ווייסן קיטל און טייערן שטריימל אויפן קאָפּ; ער זיצט אין זיין נגידישן רויט געבעטן פאָטערשטול פאַרטראַכט און פאַרזאָגט. ביים רייך־געגרייטן פּסחדיקן טיש זיצן אויסגעזעצט דעם אַלטנס קינדער און אייניקלעך; זיי העלפן דערציילן די געשיכטע פון יציאת מצרים. זיי הייבן די כוסות אַ זינג צו טאָן דעם הללויה - אַ לויב דיר גאָט פאַר די ניסים פון באַפרייען אונדזערע אבות אבותינו מעבדות לחירות. אָבער די פּנימער ביים יום־טובדיקן טיש זענען מאָרנע טרויעריק. אין דער יידישער היים אין למעבערג איז די יום־טוב פרייד אויסגערונען; אַפילו פון די קינדערס פּנימער איז די פרייד אויסגערונען... אין רוים הענגט די שרעק פאַרן מאָרגן - די דאגה - וועט אויך מיט אונדז גאָט באַווייזן אַ נס?

איבער דער צווייטער אָנפאַנג־מיניאַטור הענגט דער פאַטאַלער פּרעגצייכן, וואָס עגבערט... אַרטור שיק מאָלט דאָ אַ סדר־נאַכט ביים ראַנד פון אָפּגרונט. און מאָרנע, אַפילו די צוויי היטנלעך, וואָס האַלטן די רייכע גאָלדענע מנורה מיטן שילד "סדר הגדה

של פסח" - אויך זיי זענען באַזאָרגט; עפּעס קוקן זיי אויף דער מנורה מיט אַזעלכע טרויעריקע בליקן... שיק איז בפירוש אומרויק - ווער ווייסט וואָס זיינע יידן אין פּוילן שטייט פאָר?...

לאָמיר איבערשטעלן די שוועל פון אַרטור שיקס "הגדה". דאָרט פינקלט מיט פאַרב און ליכט. נישט פאַראַן אַ דף אָן עפּעס אַ קינסטלערישער המצאה. און מיניאַטורן מיט וויניעטן דערלאַנגט דער קינסטלער ברוב - אויף יעדער זייט אַ שאַפונג.

יאָ, מען דאַרף געדענקען, אַז אילוסטרירן יציאת מצרים איז שיק נישט קיין בעלן. ער האָט נישט ברעה פּלאַסטיש אָפּצושפּיגלען דעם טעקסט פון דער הגדה; דער הגדה־טעקסט טוט אים בלויז אינספּירירן צו דערלאַנגען אַ פּלאַסטישע עקזיסטענץ זיינע אייגענע מחשבות.

אָט נעמט אַ ביישפּיל. ווען שיק קומט צום "שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה", גיט אים אַ ציפּ ביים האַרץ; ער דערמאָנט זיך אין שהחינו, וואָס ער האָט געמאַכט אַ מאָל, אין די יונגע יאָרן אין ארץ ישראל, ווען ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי יידישע יונגעלייט האָבן געאַקערט די פאַרעקשנטע מדבר־ערד און פאַרזייט אַ היים פאַרן פאָלק ישראל.

היות די ליכטיקע זכרונות האָבן דעם קינסטלער דערוואַרעמט, כאַפּט ער די כלים, און ביים "והגיענו לזמן הזה" מאָלט ער אוים אַ קליינע חנווריקע שאַפונג מיט אַ ביז גאַר אינטערעסאַנטן באַטייט. דהיינו? ער מאָלט אַ נאָבעלע געשטאַלט פון אַן אלטן פרומען ייד, וואָס האָט אפּנים אין זיין לעבן געזען און געפילט, ווי די השגה פון חסד און רחמים לגבי יידן ווערט געטרעטן מיט די פיס; אָט, קומט ער אַרויס, דער ייד, פון אַ בלוטפאַרביקן רוים (אַ פירקאַנט). דער ייד איז, אַ סברה, געקומען צום שכל, ווייל מיט פרייד טוט ער באַגריסן די יונגע חברה, וואָס לאָזט זיך מיט כלים אין וועג אַריין צום בלויען רוים (אויך אַ פירקאַנט) ווו ס'הערשט אַ געקרוינטער מגן דוד מיטן וואָרט "ציון" אין האַרץ. דער גליקלעכער זקן בענטשט, ווי אַ טאַטע, די בויער פון דער ארמת הקודש - ער מאַכט איבער זיי אַ שהחינו!

אינטערסאַנט, ווי שיק איז מדקדק אויף סימבאָלן אין פאַרב און פאָרעם. איז געדרונגען, אַז די רפואה צו דער יידישער מחלה זעט דער קינסטלער אין ציון־געדאַנק. כדי מער נאָך אין רעליעף אויסדריקן זיין האָפנונג אין ציון־געדאַנק מאָלט ער אַ צווייטע מיני־מיניאַטור; דאָס מאָל ביים סוף פסוק: - "השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין".

די אָ קליינע מיניאַטור איז אַ טריפּטיק: אין מיטעלן טייל פון טריפּטיק טוט מיט גאווה אויסשפּרייטן זיינע מאַכטיקע פליגל אַן אָדלער. לויט דעם רויט־בלוטיקן האַרץ זיינעם איז קלאָר, אַז שיק מיינט דאָ דעם נאַציישן אָדלער. דער בייזער בליק פון פויגל איז געווענדט צום לינקן טייל טריפּטיק, ווו ס'דערשיינען אויף פאָן פון הימלבלוי צוויי געפּייניקטע שקלאַפן - יידישע עבדי־מצרים. איינער שלעפּט אויפן אַקסל אַ שווערע אַרבעטס־כלי; דער צווייטער הייבט זיין דלאָניע צו די הימלען מיט אַ האַרבער קשיא - פאַרוואָס, רבונו של עולם, די שטראָף?! אין רעכטן טייל טריפּטיק, אויפן זעלבן בלויען פאָן, שפּאַנען צוויי חלוצים צום בנין הארץ. איינער האַלט אַ לאָפּעטע אויפן אַקסל, און דער צווייטער שטרעקט אויך אַ דלאָניע; אָבער מיט איר ווייזט ער אָן די ריכטונג - כמשמע - דאָרט, אין דער נייער היים וואָס מיר בויען, דאָרט וועלן מיר לשנה הבאה זיין בני חורין!

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די מיניאַטור פון "מה נשתנה". דער קינסטלער האָט דאָ באַהאַפטן דעם אות "מ" מיטן אות "ה" און אויסגעהאַמערט, ווי פון גאָלדענע שטאַבעס, דאָס וואָרט "מה". אויך דאָ איז די שטימונג נישט קיין יום טובדיקע; דער אַלטער הדרת פּנימדיקער ייד, וואָס זיצט אין ווייסן קיטל במסובין, אין האַרץ פון ריזיקן "מה", איז פאַרזונקען אין מחשבות; ער איז טרויעריק. דאָס קינד, ביים טיש, פרעגט דעם "מה נשתנה" און ער איז גוט פאַרטראַכט... זאָלן די פיר קושיות פון קינד האָבן דעם אַלטן ייד אַריינגעבערענגט אין אַזאַ צעטראָגנקייט? אפשר. אפשר האָט אים דער "מה נשתנה" אַרויפגעבערענגט אויף די פערזן פון פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן ז״ל, וואָס האָט געקלאָגט: "געיאָגטע, געפּלאָגטע, די הערצער געבראָכן, /... פאַרשעמטע, צעקלעמטע, טרערן פול ווי טייכן, / צי האָט אונדזער אומגליק, צי האָט ער זיין גלייכן?" ("ביי די טייכן פון בבל").

דאָס וואָס עקבערט, לפי שיק, דעם יידישן פּאַטריאַרך אין דער פסחדיקער נאַכט, דאָס איז די נישט פאַרענטפערטע אַלטע פראַגע: - פאַרוואָס די אַלע וויסטע צרות אויפן יידישן קאָפּ?

ביים צעוויקלען, קינסטלעריש דעם פּייזאַזש פון עבדים היינו לפרעה במצרים טראַכט אַרטור שיק וועגן פייער פון רשעות וואָס האָט בשעתן אַרומגעכאַפּט זיין פאָלק. איז ווען ער קומט צו די "ארבעה בנים" מאָלט ער דעם "רשע" אין געשטאַלט פון טיפּישן דייטש מיטן פעדערל אין גרינעם קאַפּעלושל, מיטן מאַנאָקל אין רעכטן אויג און אין מויל אַ ציגאַר. דער פאַריסענער יעקע, אָנגעטאָן ספּאָרטאַרטיק, האַלט ביים אַרויפציען די "האַנטשו" און אָט איז ער פיקס-און-פערטיק צום רייטשפּאַציר... איצטער, ביים "רשע מה הוא אומר", דאָ שאַפט שיק פון אות "ר" אַ וויניעט און פּילט אים אויס מיטן גראָבן פּרצוף פון אַ דייטש, וואָס איז גראָב, ברוטאַל, חוצפּהדיק און געמיין.

אַזוי, אָט, איז אַרטור שיק ממשיך - אויף יעדן דף פאַרביקע אילומינירטע אותיות, מיניאַטורן, וואָס רעדן צום האַרץ און שכל, וויניעטן און פינקלדיקער דעקאָר. אַזוי ציט ער דעם פאָדעם פון יציאת מצרים. און פאַרוועבט אים אין דער טרויעריקער אַקטואַליטעט פון זיין צייט. און די זייטיקע שאַרפע אַקטועלע קלאַנגען, וועלכע ער פירט אַריין זענען, חלילה נישט קיין דיסאָנאַנסן, נייערט דאָזשינקעס אין דער האַרמאָניע פון ווערק - דאָס זענען עכאָס פון רעיונות מיט וועלכע אַרטור שיק טראָגט זיך אַרום. אָט, למשל - ערב דעם פּסוק: - "בכל דור ודור חייב אדם", מאָלט שיק אַ יצירה, הילכט זי אויס אַליאַרם - זכור!!! דאָ זיצט אַ מלמד און קנעלט מיט יידישע קינדער תורה. מיטן פינגער טייטלט דער מלמד אין אַלט-אַלטן ספר אויפן פּסוק - "מחה תמחה את זכר עמלק". און ער לערנט, דער מלמד - קינדערלעך, דעם דאָזיקן פּסוק זאָלט איר למען השם גוט געדענקען! אין לעבן זאָלט איר נישט פאַרגעסן, אַז עמלק האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דעם לעבן פון עם ישראל.

אַרטור שיק צאָרנט קעגן עמלק מיט פייער און פלאַם! קוקט אָן אדרבא, זיין יצירה פון "שפוך חמתך על הגויים"; אַ שטורעם האָט דאָ דער קינסטלער אויפגעהויבן! טשיקאַווע - דעם טעקסט האָט ער געשריבן מיט דער רויט-בלוטיקער פאַרב.

דער געבוי פון ווערק איז אַ ריזיקע "ש" אויסגעהאַקט אין גאָלד. די באַזע פון "ש" האָט די פאָרעם פון אַן אַלטערטימלעכער שיף; די דריי אָרעמס פון "ש" זענען פאַרענדיקט מיט גרויסע לייבן-קעפּ און די לייבן האָבן ברייט צעעפנט די פּיסקעס און זיי רעווען דעם "שפוך חמתך" מיט אַזאַ ווילדן כוח אַז צעציטערט האָט זיך דער בלויער

ים פון שרעק; די ים כוואַליעס האָבן זיך צעבריקעוועט און פאַרזונקען די חיילות פון עמלק - ביז איינעם!

*

משה שקליאַר, דער פּאָעט, איז זיך מודה ומתוודה: "ווי משה, וואָס האָט אויסגעשלאָגן / וואַסער פונעם שטיין, / כ'וואָלט וועלן אויסשלאָגן פון וואָרט מיינעם / אַ טראָפּן שיין / און מיט דעם אַנטקעגנגיין / דעם אומבאַקאַנטן מאָרגן, / וואָס איז נאָך פאַרבאָרגן." (אַ טראָפּן שיין)

אַרטור שיק, דער פאַרצערטער פּאָעט פון פּלאַסטישן אויסדרוק, זיצט ערב־חורבן, בעת "דעם אומבאַקאַנטן מאָרגן, / וואָס איז נאָך פאַרבאָרגן". און חלשט אויסצושלאָגן פון זיין "הגדה של פּסח" "יאַ טראָפּן שיין" און פון האָפנונג און בטחון אַ טרער. ער וויל זיין פאָלק טרייסטן, אַז "השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין"!

און איר זאָלט וויסן - אַרטור שיק טרייסט; ער טרייסט מיט אַ מזמור שיר פאַר אונדזער עבר. ער טרייסט מיט אַן אַקאָרד געשעפּט פון תנ"ך. ער מאָלט אַ מיניאַטור אויף דער טעמע "ויקח דוד את ראש הפלישתי" און בינדט אָן צום "דיינו" פון דער הגדה. די אָ ליכטיקע מיניאַטור פון "דיינו" שאַלט מיט פאַנפאַרן פון נצחון! אָט הערט.

דער יונגער דוד האָט נאָר וואָס באַזיגט דעם ברוטאַלן פּלישתי. אַ האָפערדיקער שפּאַנט ער, מיט זיין פאַרבלוטיקטער שווערד אויפן אַקסל; דעם גראָבן גלית קאָפּ האַלט ער אין דער לינקער האַנט. זיין לייכטע מאַנטיליע, אַ צעפאָכערטע אויפן ווינט, פינקלט מיט אַ בלענדיקן תכלת. און אַז דער הימל האָט געזען אַזאַ יידישן נצחון, האָט ער שוין צעטריבן די כמאַרעס און זיך אויסגעסטראָיעט אין בלוי. און אויך די ווייטע זון האָט געשיקט אַ גרוס - אָט קומט זי אָן. אונטערן ווייטן ראָז זונשיין האָבן זיך צעהעלט די שוץ־מויערן פון ירושלים. און - טשיקאַווע - אַפילו די ערד, וועלכע דוד באַטרעט, האָט זיך דערפרייט מיט זיין נצחון, ווייל צופוסנס דעם זיגער האָט זיך, ווי אַ בלום, צעבליט דער "דיינו"...

יאָ - שיק וויל האָפן, אַז די מפּלה פון עמלק וועט קומען. דוד וועט בסוף האַלטן דעם קאָפּ פון שונא אין זיין האַנט. ער זעט מיט די אויגן פון דער נשמה די גאולה. דער קינסטלער געדענקט דעם אָנזאָג פון בעל־שם־טוב - "זיי נישט מפקיר די האָפענונג". און היות ער ווייסט, אַז דער אָנזאָג פון יידישקייט איז בטחון, טרייסט ער מיט בטחון! מיט דעם אָ גייסט פון בטחון איז אויסגעפילט די פּיקאַנטע מיניאַטור פון "אדיר הוא. יבנה ביתו בקרוב. במהרה בימינו בקרוב".

און, גלייך נאָכן אויפשנידלען אַ קייט בלענדיקע דרייצן וויניעטן צו די דרייצן "מי יודע", האָט שיק געמאָלן אַ סצענע פון אַ יידישן שלאַכטמאַן מזמן התנ"ך. איז די קשיא - וואָס עפּעס שוין ווידער אַ קלאַנג פון תנ"ך? איז דער פּשט, אַז איידער ער גייט זיך נעמען צו "חד־גדיא" וויל שיק, אויף אַ זילבערנער טאַץ אונטערטראָגן דעם ייד אויף ס'נייי אַ ביסל נחמה, אים דערמאָנען, אַז בעצם איז געשיכטע אַ גלגל החוזר - דאָס בילד פון תנ"ך האָט אַ ברירה זיך איבערצוחזרן.

מאָלט ער בכן מיט שווונג און פאַטאָס די גלאָריע פון יידישן כלי־זין. און דאָרט טוט זיך עפּעס. אין גײיעג נאָכן צעשלאָגענעם שונא טראָגן דריי ווייסע פערד מיט אימפּעט דעם רייטוואָגן פון זיגרייכן יידישן קאָמאַנדיר. זיין נושא כלים האַלט שטאָלץ די צעפלאַטערטע בלוי־ווייסע פאָן. אויפן שלאַכטפעלד, פאַרביי די צעיאַכמערטע פערד, וואַלגערט זיך אַ טויטער באַרבאַר... פון הימל קומט צעטראָגענער, אָן צו פליען אַ

טונקעלער אָדלער. געוואַלד! אויף אַזאַ וויסטע מפּלה פון די באַרבאַרן האָט ער זיך נישט געריכט, דער רויבפויגל. געוואַלד!!! פון דער צווייטער זייט הימל קומט אָן די ווייסע טויב. זי גרייט זיך מיט אירע קנאַפּע כוחות צו פאַרטרייבן דעם ברוטאַלן אָדלער, ער זאָל חס ושלום דעם יידישן נצחון נישט שטערן...

אַז שיק האָט זיך צעוואָרעמט מיט דער וויזיע פון זיג פון יידישן שלאַכטמאַן, האָט ער גלייך אויסגעגלידערט די צווייטע וויזיע זיינע די וויזיע פון "חד־גדיא". און אויף ס'ניי טוט ער הילכן מיט אַקאָרדן פון בטחון. שיקס "חד־גדיא" איז אַ מין אַלעגאָריע – אַ טריפּטיק געמאָלן אין גערעמפּטע פאַרבן. אין די זייטן־טריפּטיק דערשיינען, אויף אַ טונקל־בלויען פאָן, די פּעריפּעטיעס פון דער "חד־גדיא"־געשיכטע, און אין מיטעלן טייל האָט שיק אויסגעחלומט די אַפּאָטעאָזע – דעם סופיקן נצחון פון עם ישראל; נצח ישראל לא ישקר!!!

ווי אַזוי איז פּלאַסטיש אויסגעגלידערט די שיק אַפּאָטעאָזע?

דאָס ערשטע, וואָס פאַרטשעפּעט דאָס אויג אין דער טונקעלער שאַפונג. איז דער באַזיס פון מיטעלן טייל טריפּטיק; דאָ שפּרייט זיך אויס אַ העלע סצענע – דאָ זיצט געמיטלעך דוד, דער יונגער פּאַסטעך, אויפן פּגר פון באַזיגטן גלית. ביי זיינע פיס וואַלגערט זיך אַ געהרגעטער פּלישתי. די מאַכטיקע שווערד פון זיגער וואַכט אונטער אים. דוד האַלט אויף ס'ניי שוין דעם פּאַסטעך־שטעקן אין דער האַנט.

פון אונטער דער ליכטקער סצענע דערשיינט אַ זילבערנע מנורה. איז, אין דער אָ מנורה אפנים שטעקט אַ כישוף, מחמת אירע פלעמלעך האָבן אויסגעפּייערט אַ נס – זיי האָבן אויסגעפּייערט אַ טונקל־גרינעם וויניעט מיט בלומען באַפּוצט, און אין וויניעט האָט זיך באַוויזן אויף ס'ניי דאָס ווייסע ציגעלע... דאָס ניצול געוואָרענע ציגעלע האָט, פון גרויס פרייד, זיך אַרומגענומען מיט דודס פּאַסטעך־שטעקן און זיך צעהאָפּקעט אויפן זאַפטיק גרינעם פעלד. אַ קלייניקייט... אַרויס מיטן לעבן פון אַזאַ בלוטיקן חד־גדיא...

נישקשה דאָס ציגעלע, מעג יעצט טאַנצן פאַר גדולה. אַ גרויסער ווייס־בלויער מגן דוד, באַוואַכט פון צוויי לייבן, פאַנעוועט אין רוים. און אין שפּיץ פון דער קאָלאָנע סימבאָלן וואַכט די קרוין פון עם ישראל.

אונטער דעם קינסטלערס חלום דערשיינט דער הגדה טעקסט פון "חד־גדיא" און, בסוף, אַ ווערק פון אַ תם־ונשלם־כאַראַקטער.

דעם אמת געזאָגט, האָט נאָך שיק זיין "הגדה" נישט פאַרענדיקט. זיין ווערק האָט ער ברעה אָפּצושליסן מיט אַן אָנזאָג. מאָלט ער אויפן לעצטן דף "הגדה" אַ יצירה פון אַ סימבאָלישן כאַראַקטער. ער מאָלט אַ פּאָרטרעט פון אַ גדלותדיקער יידישער געשטאַלט.

דער ייד איז געהילט אין מלכותדיקע קליידער; אויפן קאָפּ אַ גאָלדענע קרוין מיט אַ מגן דוד אין שפּיץ. אויך אויפן האַלדזבאַנד פון פאַרביקע איידלשטיינער הענגט דער מגן דוד. אין זיין לינקער האַנט האַלט דער ייד אַ גראַ־מאַרמאָרענעם טאָוול – אין אים זענען פאַרקריצט רויט־פאַרביקע ווערטער פון טרייסט.

וואָס באַטייט, אייגנטלעך, די אַ באַראָק – אַרטיקע געשטאַלט פון אַן אומפּרעציזער צייט? אַ סברה אין קינסטלערס באַנעם איז עם ישראל, וואָס זייט טויזנטער יאָרן, זייט עבדים היינו לפרעה במצרים עד הנאצים י"ש, טוט מען יידן ברענען די טריט, און פון אַלע בראַנדן גייט יידיש פאָלק אַרויס יונג און פריש און פאַרלייכט די וועלט מיט זיין גייסטיקער עשירות!

שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש / ניו־יאָרק

# "אָפּגעפּאַסט זיך"

די יידישע ליטעראַטור האָט, ווי אין ווייניק אַנדערע וועלט ליטעראַטורן, זוכה געווען צו האָבן צווישן אירע שאַפערס גאַנצע משפחות־שרייבערס, וועלכע האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין איר אַנטוויקלונג – צייטלין; רייזען; לוריאַ/ קאַלמאַנאָוויטש; שטערן / שלום / יאַיר / קרישטאַלקע / זיפּער; אָליצקי; זינגער/באַשעוויס / קרייטמאַן; א.אַ.

לויט אַ פעמיניסטיש יידישער גרופּע שרייבערינס איז אסתר קרייטמאַן – "איינע פון די באַוווּסטע שרייבערינס פון דער יידישער ליטעראַטור". די עלטסטע פון די קינדער ביי דער משפחה זינגער. מיר וועלן פּרובירן, אָט די טעאָריע, בטל מאַכן.

אסתר קרייטמאַן, אַ געבוירענע אין בילגאָריי, פּוילן, אין 1891 – געשטאָרבן אין לאָנדאָן, דעם 13־טן יוני 1954 – איז געווען די עלטסטע פון די קינדער ביי פּינחס־מנחם זינגער – מחבר פון ספר מגדים חדשים אויף עבודה זרה – און זיין פרוי, בת־שבע.

די דיספונקציאָנירנדיקע משפחה זינגער האָט אַרויסגעבראַכט די דריי טאַלאַנטן, אסתר קרייטמאַן – וועלכע האָט אָנגענומען איר מאַנס פאַמיליע־נאָמען און אים אָנגעהאַלטן אַפילו נאָך זייער גט, ישראל־יהושע זינגער (30־סטן נאָוועמבער 1893, בילגאָריי – ניו־יאָרק דעם 10־טן פעברואַר 1944) און יצחק באַשעוויס־זינגער – 14־טן יולי 1914 – לעאָנטשין, פּוילן – נ"י, דעם 27־טן יולי 1991). זיי האָבן געהאַט, מחוץ זייערע פעיקייטן ווי שרייבערס, אַ געמיינזאַמע שפּראַך – יידיש.

אין 1929 קומט אַרויס אין וואַרשע, פאַלאַג "העליאַס", אסתר קרייטמאַנס איבערזעצונג אויף יידיש פון טשאַרלס דיקענס בוך "ווייַנאַכט".

אין 1936 דערשיינט איר ראָמאַן "שדים־טאַנץ" זז' 295, פאַרלאַג "ח. בזשאָזאַ". דעם 30־סטן יוני 1938, שרייבט יוסף אָפּאַטאָשו אין אַ בריוו (וואָס געפינט זיך אין "ייוואָ־"אַרכיוו) "...אייער בוך "דער שדים טאַנץ" איז מיר זייער געפעלן. אַ שאָד בלויז וואָס ס'בוך איז נישט רעדאַגירט געוואָרן, איר האָט גוטע קאַפּיטלען, ס'איז ווי אַן אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן. איר זיינט אַ גרויסע מלומדת. כ'האָב עס געזאָגט אייער ברודער... שרייבט!...".

דאָס בוך דערשיינט – אויך – אויף ענגליש מיטן טיטל "דבורה".

אין אַ צייט ווען פרויען זענען געווען, לויט דער מיינונג פון די היינטצייטיקע פעמיניסטן, אין אַ צווייטראַנגיקער קאַטעגאָריע, געפינען מיר דווקא אין אסתר קרייטמאַן, פון דער זינגער־משפחה, אַ מוסטער פון טאַלאַנט, געהויבנקייט און דערגרייכונגען.

---

די צויבערדיקע יידישע געשטאַלט פון אַרטור שיק קוקט אויף אונדז מיט אַ וואַרעמען בליק. און היות אַרטור שיק איז, ווי דאָס מיסטישע שניידערל, דער ל"ו־ניק, וואָס האַנדלט מיט בטחון, האָט ער צופוסנס דעם פאַרטערט אָוועקגעשטעלט, שוואַרץ אויף ווייס, זיין אָנזאָג – חזק חזק ונתחזק – כאילו ווי דער רוח הקודש אַליין וואָלט דאָס באַפוילן!!!

*

אין דער אונטערשטער שורה דאַרף געזאָגט ווערן: "די לעמבערגער הגדה של פסח" פון אַרטור שיק איז אַ קוואַל פון אהבת ישראל און אַ שופר, אַ שאַלנדער, פון בטחון!

אין משך פון אירע 63 יאָר האָט אסתר קרייטמאַן גובר געווען די פּיינלעכע דערפאַרונג פון ווערן אויפגענומען - זינט דער ערשטער סעקונדע פון איר געבוירן־ווערן - מיט דעם עקלדיקן האָס פון איר אייגענער מוטער. ד"ה, אַז איר ערשטער בראָך אין לעבן איז געקומען צו דער קליינער אסתר ניט דורך אַ מאַנספאַרשוין - נאָר דווקא פון אַ פרוי - איר אייגענער מוטער.

אסתרן האָט מען גלייך נאָך איר געבוירן־ווערן איבערגעגעבן צו אַ ניאַניע, וועלכע האָט זי צו זיך אַ היים גענומען און געהאָדעוועט אַ פּאָר יאָר. אויך דאָרטן, ביי דער ניאַניע, האָט מען זי ניט אַרומגענומען מיט וואַרעמקייט און ליבע.

צוריק צו טאַטע־מאַמען, וואַקסט אסתר ווי אַ נאָכשלעפּעניש צו דער משפחה. זי האָט ניט געשפּילט אַ צו אַקטיווע ראָלע אין דעם לעבן פון אירע ברידער.

חתונה געהאַט. וואַנדעריאָרן איבער מערב־אייראָפּע צוזאַמען מיט איר מאַן, אַ פּוילער טשוואַק וועלכער האָט געגלויבט אין נסים און געוואַרט אויף נסים - האָבן זיי זיך באַזעצט אין ענגלאַנד.

אַ. קרייטמאַנס קערנדיקע באַשרייבונגען פאַרמאָגן אין זיך די קאָלירן, וועלכע קענען אַרויסקומען בלויז פון אַ שרייבער(ין) וועלכע האָט דעם געבענטשן טאַלאַנט צו מאָלן דורך ווערטער די קאָלירפולסטע סצענעס און סיטואַציעס.

ווען מיר זאָלן בלויז אַנאַליזירן איר דערציילונג "אָפּגעפּאַסט זיך" וועלן מיר זען איר טאַלאַנט ביים באַשרייבן ערטער און סיטואַציעס.

"...דאָס בלוט האָט זיך אים געקלעפּט אין די פינגער. ער האָט שוין קיין כוח נישט געהאַט צו האַלטן אין איין פאַרשטעקן הינערשע קעפּלעך אין די לעכער פונעם טיש נעבן זיך. דער ווייסער כאַלאַט איז שוין רויט געווען און די אַרויפגעשאַרצטע אַרבל האָבן ווי צוויי בייגל פון בלוט געקנעטן אויסגעזען...

ס'האָט געשוויצט מיסטער בראָנשטיין סכנה־נפשות... דערצו איז אין דרויסן, אינעם שמאָלן מאַרקל, אין דער ליין, דער יאַריד געווען רוישיק... יידן האָבן פאַרקויפט מחזורים אומזיסט..."

אין דער זעלביקער דערציילונג, פאַרכאַפּט זי אונדז שוין מיט אַ זיס־איידל אינטימע טאָן, וועלכער פירט אונדז צו צו אַ געלאַסענעם רויקן ניגון.

"...דער טיש איז מיט אַ בלענדיק ווייס טישטוך איבערגעדעקט געווען. אין די הויכע זילבערנע לייכטער האָבן זיך פיר בלויע פלעמעלעך צום סופיט געצויגן. אין מיטן האָט אין אַ דיק געפינגערט גלאָז אַ ליכטפלעמל זיך געהוידעט, געלעקט דעם חלב... זי האָט געלעבט..."

אין דער דערציילונג באַניצט זיך א. קרייטמאַן מיט ענגלישע ווערטער, וועלכע ברענגען אַריין די נאַטירלעכע פרעמדקייט, וואָס באַגלייט דעם וואַנדערדיקן ייד, וועלכער מאַכט אייגנס ווערטער פונעם ווינפּלאַץ און וועבט זיי אַריין צו זיין מיטגעבראַכטן לשון.

"... - איי וויש, הי מוווד אין דייר - טייטלט זי מיט אַן אַלטער, פעטער האַנט צום ערשטן גאָרן - אַ גאַנצן סעפּטעמבער האָלט ער אין איין מאַכן נויז מיטן שאָפער טראַ־טראַ־טקוק־קאָ - שפּעט זי אים נאָך, מיסטער באָרענשטיינען און ס'בלוט גיסט זיך איר נאָך מער אין פּנים אַריין פון גרויס הנאה איבער איר אייגענער חכמה, און דערמאָנט זיך אין איין וועגס אין נאָך אַן עוולה - יו רעמעמבער... - דרמאָנט זי מיסטער דייוויסאָן - וואָס פאַר אַ גוואַלד זיי האָבן רעמאָלט געמאַכט, ווען די מיסעס איז אים געשטאָרבן? ס'איז געווען אַ דיסגרייס..."

אַ רויקער, אָן שרים, אָן היסטעריעס איז דער סוף מיט וועלכן. אסתר קרייטמאַן ענדיקט איר דערציילונג "אָפּגעפּאַסט זיך".

"...אין אָוונט קומט אַהיים מיסטער באָרנשטיין אַ מידער פון פּאַסטן, פון דאַוונען, פון שופר בלאָזן אַפילו, אַ באַלאָרענער מיטן טלית, מיט די שטעקשיך, מיט די יום־כיפור־טראָפּנס. פּאַמעלעך גייט ער אַרויף די טונקעלע טרעפּ. ער צינדט אָן צוויי ליכט. דורכן פענצטער קוקט נאָך אַריין אַ בלויער דרויסן... יידן גייען פון שול, ווינטשן זיך אָן איינער דעם אַנדערן אַ סך גוטע זאַכן אויפן נייעם יאָר אַרויס.

און מיסעס סטאָן אונטן, און מיסטער באָרנשטיין אויבן זעצן זיך אַוועק יעדער באַזונדער, איינער אַליין,ביים אייגענעם טיש, אָפּפּאַסטן זיך...".

פּאַר אַ שרייבערין, אַ געבוירענע אין אַ תקופה וועלכע מען טאָר ניט בשום אופן פאַרגלייכן מיטן אָנהייב פון דעם אָט־אָט 21־סטן י"ה, האָט אסתר קרייטמאַן באַוויזן אַרויסברענגען פון זיך אַ טאַלאַנט, וועלכער איז געווען צוגלייך מיטן טאַלאַנט פון אירע ברידער. און אפשר גאָר פאַרקערט - אויב מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז אסתר איז געווען די עלטסטע פון די קינדער.

ווען מיר נעמען בלעטערן איר ביבליאָגראַפיע, וועלכע איז אין תוך דער עדות פון איר שאַפונג, זעען מיר, אַז סיי זי האָט געשריבן און סיי מע האָט זי געדרוקט, אין צייטן, ווען יידן זיינען אַדורכגעגאַנגען די פיינלעכע עפּאָכע פון דעם יאָרהונדערט. מע דרוקט זי אין לאָנדאָנער "דאָס פרייע וואָרט; "וויטשאַפּל לעבט"; "לשון און לעבן" א.אַ. אין בוכפאָרם: דער שדים־טאַנץ, (ראָמאַן), זז' 295. וואַרשע 1936; ברילי־אַנטן (ראָמאַן), זז' 301 (3), לאָנדאָן 1944 (איבערגעזעצט אויף ענגליש). יחוס (דערציילונגען און סקיצן) זז' 129. לאָנדאָן 1950. איבערזעצונגען: טשאַרלס דיקענס, ווייַנאַכט, זז' 117. וואַרשע 1929. בערנאַרד שאָו, די פרוי אין סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם (בב' 2), וואַרשע 1930. אגב, אין אַ בריוו פון לאָנדאָן מיט דער דאַטע פעברואַר 6, 1940, וואָס געפינט זיך אין "ייוואָ"־אַרכיוו, שרייבט בערנאַרד שאָו צו אסתר קרייטמאַנען, אַז ליידער קען ער ניט געבן קיין מיינונג וועגן איר איבערזעצונג פון בוך "די פרוי אין סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם" ...ער רעקאָמענדירט זי זאָל זיך ווענדן צו אַן "איירזשענט" ...דער יידישער הויפּט פאַרלעגער אין לאָנדאָן איז וויקטאָר גאָלאַנדזש, און אַז זי האָט אַ בעסערע מעגלעכקייט דורכצוקומען מיטן פאַרלעגער ספּעציעל אויב דער מאַנוסקריפּט האָט אַ לינקע טענדענץ, ער האָט אַ לינקער טענדענץ... "איך בין פאַרפליכט צו אייך צוליב דעם וואָס איר האָט מיר געוויזן דעם מאַנוסקריפּט פון אייער איבערזעצונג פון מיין בוך "פרוי אין קאַפּיטאַליזם..." (ניט קענענדיק די שפּראַך) און איר, האָבנדיק די מעגלעכקייט צו געפינען אַ פאַרלעגער צו איבערדרוקן אין דער נאָענטער צוקונפט דאָס בוך, איז בעסער עס זאָל זיך געפינען אין אייערע הענט אין מיינע ווײַט עס זיין באַגראָבן ביים לעבן. מיט געטרייַשאַפּט - בערנאַרד שאָו".

די דערציילונג "אָפּגעפּאַסט זיך" ווערט איבערגעדרוקט אין באַנד (78) פון די "מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור", אונטער דער רעדאַקציע פון שמואל ראָזשאַנסקי, "מערב־אייראָפּעיש", זז' 227-233, בוענאָס־איירעס 1978.

אויף ענגליש איז אסתר קרייטמאַן פאַרטראָטן אין דער אַנטאָלאָגיע "פּאַונד טרעזשורס" (געפונענע אוצרות) קאַנאַדע 1994. און אין זשורנאַל לילית.

אַזוי אַרום קאָנען מיר ניט זאָגן, אַז די שרייבערין אסתר קרייטמאַן געהערט צו דער גרופּע "באַעוולטע שרייבערינס אין דער יידישער ליטעראַטור". זי איז זוכה געווען איבערצוקומען אַלע שוועריקייטן, וואָס דער גורל האָט געהאַט פּאַר איר צוגעגרייט.

שרה טרייסטער־מאָסקאָוויטש

## צוויי וועלטן*

מיר פאָרן אין אויטאָ צו די קינדער
אויפן וועג וואָס לויפט די לענג פון קאַליפאָרניע.
ס׳ציען זיך פיר הונדערט מייל פרוכטבאַרע פעלדער.
רייען גרינסן, אַלטע און פריש פאַרפלאַנצטעביימער
די בלעטער ערשט באַוואַסערט
בליאַסטשען, שפיגלען טראָפּנס זון.
אַ רייכטום מאַנדלען, פלוימען און מאַראַנצן
וועט מען קלייבן...

ס׳פּאַשען זיך אין פעלדער קי און קעלבלעך,
שעפּסעלעך אין גאָלדן זומער־גראָז.
שאהן לאַנג שוין זעט מען ניט קיין מענטשן,
עפּן איך אַ בוך נאָרוואָס געקויפט
מיט טאָוולען די קאָליר פון קאַרשן־וויין
און דער דיכטער נעמט מיך טיף אין זיין אַמאָל אַריין.

ס׳וואַכט אויף וואַרשע
פול מיט קינדער, יוגנט, לערער
טאַטע־מאַמעס, באָבע־זיידעס
אַלע אָטעמען און רעדן
ערב־חורבן.

איך ריר אָן דעם דיכטערס טרערן,
בלעטער דורכגעווייקט מיט פּיין
בלוט און טרערן צווישן טאָוולען
די קאָליר פון קאַרשן־וויין.

און עס זיד אין מיר אַ פראַגע
פלאָגט און מאַטערט, לאָזט ניט אָפּ:
וויפל קינדער, עלטערן, לערער האָט מען דאָ געקאָנט באַזעצן?
וויפל וואָלטן חופות שטעלן
לויפן, קויפן, לאַכן, טאַנצן,
און דערלעבט צו קינדער פאָרן
צווישן מאַנדל, פלוימען און מאַראַנצן...

**11/11/97**

---

*) די פּאָעמע איז געווידמעט צו משה שקליאַר
מיט דאַנק פאַר זיין ערשט דערשינען בוך ״מאָלן די אַמאָלן״

אליביידער / ירושלים

# אַפּאָריזמען

* *
*

ווען מען זאָל דאָס לעבן קענען איבערשרייבן
וואָלטן מענטשן אויסגעמיטן אַזוי פּיל גרייזן.
נאָר עס איז דאָס לעבן נישט קיין שול־דיקטאַנט –
אַלע טאָג מען מוז אויף ריין דאָס לעבן שרייבן.

* *
*

עס טענהן אַלטע לייט, אַז עס איז ערגער היינט,
ווייל פריינדשאַפט נאָר אַמאָל האָט רחבותדיק געשיינט.
דער מענטש איז ווי געוווען מיט טויזנט יאָר צוריק,
אויב האָבן ווילסט אַ פריינד, מוזסט קענען זיין אַ פריינד.

* *
*

אַ פּגם פאַרהילט איז אין אַ דעק,
דרייסטקייט ווערט באַגלייט מיט שרעק.
מען זאָגט: אַ טרער איז ציכטיק ריין
פון וואַנען קומט נאָך איר דער פלעק?

* *
*

שטענדיק זוכט גערעכטיקייט דער שוואַכער,
נאָר זי דינט געוויינלעך נאָר דעם מאַכער.
העלדיש קעמפט פאַר איר דער שיינער טרוימער
קומט זי אין די הענט צום דבר אחר.

* *
*

פאַר דער גרויער עלטער האָבן מענטשן מורא,
אויב פונעם יאַריד מען פאָרט אָן געלט, אָן סחורה.
שפעט איז די חרטה, אַלץ איז שוין פאָריבער –
לעבן שיין און ריכטיק איז אַ שווערע תורה.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* משה שקליאַר: "מאָלן די אַמאָלן", פּראָזע און ליד, פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב 1997. 264 זז' מיט אַ בילד פון מחבר. דער פּראָזע־טייל א.ג. "אַליין צווישן שאָטנס" פאַרנעמט 114 זז', אין די ווייטערדיקע 150 זז' זענען פאַראַן לידער געשריבענע אין די לעצטע יאָרן, ווי אויך אַן אָפּטייל "לידער פון נעכטיקע טעג" – אַן אָפּקלייב פון לירישע לידער געשאַפענע אין די יאָרן נאָך דער מלחמה ווען דער מחבר האָט געלעבט אין פוילן.

* ש. סימכאָוויטש: "פונקען אין זשאַר", לידער און פּאָעמעס. 116 זז', אַרויסגעגעבן דורך אַ קאָמיטעט, טאָרנטאָ 1997. אינעם בוך זענען פאַראַן די פאָלגנדיק אָפּטיילן: די עקדה; אין יידישן לשון; דער בלאָער ערדקיילעך און אַ געבעט פון רחמים. צוזאַמען אַן ערך 160 לידער וואָס נעמען אַרום אַ ברייטן דיאַפּאַזאָן פון חורבן -טעמאַטיק ביז פילאָסאָפישע באַטראַכונגען פון וועלט און מענטש.

* זיאַמע טעלעסין: "דער וועג פונעם פויגל", לידער, 114 זז' מיט אַ בילד פון מחבר. אַרויסגעגעבן דורכן וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור, תל־אביב 1986. דער ביז גאָר אָריגינעלער דיכטער זיאַמע טעלעסין, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין ישראל, האָט פריער גְעהאַט אַרויסגעגעבן אין ס"פ פיר לידער־ביכער אין יידיש, צוויי אין רוסישער איבערזעצונג און פינף קינדער ביכלעך אין רוסיש. אין ישראל זענען אויך דערשינען זיין "געוויין פון זכרון" (1792) "קמץ אלף־אָ" (1980) און "דאָס ניסעלע" וואָס פייפט" (1992), לידער פאַר קלענערע און גרעסערע.

* יששכר פאַטער: "אין דער וועלט פון מוזיק און מוזיקערס". פאַרלאַג "ישראל בוך", 358 זז' מיט אַ בילד פון מחבר, בילדער פון אַ ריי אָנגעזעענע קאָמפּאָזיטאָרן און נאָטן צו פאַרשיידענע לידער און הימנען. אַ ביז גאָר ווערטפול בוך פאַר מוזיק־ליבהאָבער און אויך פאַר דעם געוויינטלעכן לייענער. אינעם בוך זענען פאַראַן די פאָלגנדיקע קאַפּיטלען: געדאַנקען וועגן אַלגעמיינער מאָדערנער און יידישער מוזיק; יידישע מוזיקערס און זייער השפעה אויף דער אוניווערסאַלער און יידישער מוזיק; ריכאַרד וואַגנער און זיין מעטראָפּאָליע ביירויט, ווי אַ בריק צווישן רייטשישן "פאָלקיזם" און נאַציזם; פון מיינע מוזיק־נאָטיצן.

* לייב באָראָוויק: "זיבן זונען", לידער 96 זז', פאַרלאַג "מתנות" 1980. די מערסטע לידער אין בוך זענען מינאָרע, באַזונדערס דער אָפּטייל "צו דיר" (געהייליקט באַשעלען). פאַראַן אויך זיבן אָריגינעלע לידער געשריבן אין העברעיש.

* קציעה ראַטנער־מאַרגאָלין: "אויף מיינע וועגן פון וואַנדער", לידער און פּאָעמעס, 248 זז', פאַרלאַג "צוקונפט", רחובות 1994. די דיכטערין, אַ געוו. שילערין פון דער ווילנער רעאַל־גימנאַזיע, האָט לאַנגע יאָרן (1932 – 1973) געלעבט אין מאָסקווע. דאָס איז דאָס צווייטע בוך וואָס די דיכטערין האָט אַרויסגעגעבן אין ישראל.

* שבה איטע צוקער: "יידיש, אַן אַריינפיר: לשון, ליטעראַטור און קולטור. 286 זז', באַנד 1. אַרויסגעגעבן דורכן בילדונגס־אָפּטייל ביים אַרבעטער־ריג. ניו־יאָרק 1994.

* "שטודיעס אין לייוויק" פאָרשונגען וועגן זיין לעבן און שאַפן 208

## כראָניק פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

1997

דעם 10־טן אויגוסט איז פאָרגעקומען אין זאַל פון אַרבעטער־רינג אַ גרויסער צונויפקום געווידמעט דעם אָנדענק פון די אומגעבראַכטע יידיש־סאָוועטישע שרייבערס. דער צונויפקום איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אונדזער קולטור־קלוב צוזאַמען מיט דעם אַרבעטער־רינג און אַ ריי יידיש־סעקולערע אָרגאַניזאַציעס: השומר הצעיר; יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט; ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד; שלום־אָרגאַניזאַציע; געז. פאַר הומאַניסטיק יודאַזים און אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג.

אין פראָגראַם: דערעפענונג - לילקע מייזנער און עריק גאָרדאָן; מוזיקאַלישער אַריינפיר - וו. קיזנער, פידל, ק. בוסעל, פיאַנאָ; ליטעראַרישער מאָנטאַזש צוגעגרייט דורך משה שקליאַר (ענגלשע איבערזעצונג - הערשל האַרטמאַן) און דער כאָר פון אַרבעטער־רינג אונטער דער אָנפירונג פון מלכה שאו.

*

* זונטיק 2־טן נאָוו. איז פאָרגעקומען די דערעפענונג פון נייעם קולטור־סעזאָן מיט אַ באַנקעט און אַ פולן מאַלצייט. די פאָרזיצערין פון קלוב, לילקע מייזנער, האָט געגעבן אַן אויספירלעכן באַריכט פון אַ יאָר אַרבעט. מוזיקאַלישער פראָגראַם - ריסאַ

---

זז׳, אַרויסגעגעבן דורך דער יידיש־קאַטעדרע א.ג. פון דינה קאָסטאַ בר־אילן אוניווערסיטעט רמת־גן 1992. רעדאַגירט פון גרשון וויינער.

* אסתר הימלשטיין: "דאָס קליינע וועקערל", קינדער־לידער. שיין אילוסטרירט דורך ברײַנדל לאַנג. 24 זז׳. אַרויסגעגעבן דורך יוגנטרוף־יוגנט פאַר יידיש, ניו־יאָרק.

* משה גאַנטשאַראָק: "צו דער געשיכטע פון דער אַנאַרכיסטישער פרעסע אויף יידיש". פאַרלאַג "פראָבלעמען", ירושלים 1997, 16 זז׳ מיט אַ ביילאַגע - פאָטאָקאָפּיעס פון פאַרשיידענע אַנאַרכיסטישע אויסגאַבן (אין יידיש) אין דער וועלט.

* משה דוד חייט: "דער האָריזאָנט", זכרונות, דערציילונגען, פאַרצייכענונגען, און הומאָרעסקעס, מיט אַ הקדמה פון העשיל קלעפּפיש. 272 זז׳, אַרויסגעגעבן דורך "יידישע קולטור־געזעלשאַפט", ירושלים 1997.

זשורנאַלן: "די צוקונפט" נומ. 3 און 4, ניו־יאָרק 1997; "יידישע קולטור" נומ. 7–8, 9–10, ניו־יאָרק 1997; ""די פּען" נומ. 33 אָקספאָרד 1997; "אונדזער צייט" נומ. 11–12, ניו־יאָרק 1997; "לעבנס־פראַגן" נומ. 547–548; תל־אביב 1997; "אונדזער געדאַנק", מעלבורן 1997. דער נומער איז כמעט אין גאַנצן געווידמעט 100 יאָר בונד; "אויפן שוועל" נומ. 307, ניו־יאָרק 1997; "יוגנטרוף" נומ. 88, ניו־יאָרק 1997; "אָנהייב" נומ. 26, מאַיאַמי 1997.

* "אויפבוי", בולעטין פון דער ליגע פון פריינט פון אַרבעטנדיקן ישראל. נומ. 11 ניו־יאָרק 1997.

איגעלפעלד. דער עולם האָט פאַרבראַכט עטלעכער שעה אין אַ היימישער סביבה.

* "מוצאי שבת 15־טן נאָוו.: "שימעלע סאַראָקער דערציילט", מאָנאָלאָג - באַאַרבעט און אויסגעפירט דורך דעם באַגאַבטן אַקטיאָר און רעציטאַטאָר יעקב לעווין, מוזיקאַלישער פּראָגראַם - מלכה שאו.

* מוצאי שבת 22־טן נאָוו.: פייערלעכער אָוונט געווידמעט דעם דערשיינען פונעם בוך "מאָלן די אַמאָלן" פון דיכטער און רעדאַקטאָר משה שקליאַר, גאַסט־רעדנער - ד"ר משה וואָלף. יעקב לעווין האָט פאָרגעלייענט אייניקע לידער פונעם נייעם בוך. עס האָבן באַגריסט פּראָפ. מאַרווין צוקערמאַן און דער דיכטער פּיניע פּלאָטקין. משה שקליאַר האָט אין קורצע ווערטער געדאַנקט די רעדנער און פאַרזאַמלטע. מוזיקאַלישער פּראָגראַם - ד. קאָנוויייזער. דעם אָוונט האָט געפירט לילקע מייזנער.

* "מוצאי שבת 29־טן נאָוו.: ד"ר משה וואָלף האָט גערעדט וועגן דעם שאַפונגס־וועג פונעם גרויסן יידישן אַקטיאָר בנימין זוסקין און דעם טראַגישן סוף פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. מוזיקאַלישער פּראָגראַם - רימאַ בירמאַן.

* "זונטיק 7־טן דעצ. בייטאָג: 100 יאָר ציוניזם און 100 יאָר בונד. עס האָבן רעפערירט פּראָפ. מאַרווין צוקערמאַן און פּראָפ. אַרנאָלד בענד. דער כאָר פון אַרבעטער־רינג אונטער דער אָנפירונג פון מלכה שאו האָט געזונגען אייניקע פּאַסיקע לידער.

* "מוצאי שבת 15־טן דעצ.: לעקציע פון לילקע מייזנער וועגן דעם שאַפונגס־וועג פון דער דיכטערין רחל קאָרן. מוזיק - רימאַ בירמאַן.

* מוצאי שבת 27־טן דעצ.: חנוכה־אָוונט: יעקב באַסנער "לאָמיר צינדן דאָס פּערטע חנוכה־ליכטל". מוזיקאַלישער טייל - פּסח מאַלעוויטש.

1998

* מוצאי שבת 9־טן יאַנואַר: קאָנצערט פון ליזאַ ליבאָווסקי וואַנאַמייקער - יידישע, העברעישע און לאַדינאָ־לידער.

* מוצאי שבת 17־טן יאַנואַר: ד"ר מישעל נוטקעוויטש - וועגן דער ראָקומענטאַציע פון לעצטן חורבן.

* מוצאי שבת 24־טן: יאַנואַר: אָוונט געווידמעט דעם נייעם בוך פון שמואל באַט "אויף אייביק". יעקב באַסנער - אָפּשאַצונג. מוזיקאַלישער פּראָגראַם - דוד קאַדעמיאַ.

* מוצאי שבת 23־טן פעברואַר: סיבעל בענדער - נייע יידישע לידער, יונגע זינגער.

* מוצאי שבת 28־טן פעברואַר: הערשל האַרטמאַן - נייער יידישיזם אין 21־טן יאָרהונדערט.

* מוצאי שבת 7־טן מערץ: סימפּאָזיום אויף דער טעמע "יידיש אין די אויגן פון די יונגע". באַטייליקטע: מרים קאָראַל, מרים הערבסט, שיינדל ליבערמאַן, פּסח מאַלעוויטש. פאָרזיצער- פּראָפ. הערשל סלוצקי.

* מוצאי שבת 14־טן מערץ: קאָנצערט פון יידישן ליד אויסגעפירט דורך חזן דזשעף כהן, פּיאַנאָ־באַגלייטונג - מלכה שאו.

**נתן שטיינמאַן**

## אַ בריוו פון איטשע גאָלדבערג
(רעדאַקטאָר פון "יידישע קולטור")

## הנרות הללו

משה שקליאַרן - מיט באַוווּנדער
א.ג.

אַ מאָל איז געווען אַ ליכט - אַ גרויס ליכט, אַ מאַמע־ליכט, אַ לשון־ליכט. האָט דאָס ליכט מיט אירע קינדער־ליכטלעך - פאַרשפּרייט אין אַלע פינות עולם - געלויכטן צוזאַמען, געפּרייט זיך צוזאַמען און אַ מאָל - אויך צוזאַמען - געלאָזט אַ טרער.

און געווען איז דאָס ליב אַזוי, און שיין אַזוי, און וואַרעם אַזוי. מחמת וואָס וואַרעם? מחמת דאָס ליכט האָט געפלעמלט סיי פון דרויסן און סיי פון אינעווייניק נשמה־ליכט פאַרשפּרייט! נשמה־ליכט.

אָבער פון דער גרויסער פינצטערניש האָט אָנגעיאָגט אַ חושך־ווינט און די ליכטלעך גענומען לעשן - האָבן זיי זיך ניט געלאָזן - האָבן זיי זיך ניט געלאָזט און אַלץ געפלעמלט. האָט דער חושך־ווינט מיט נאָך חושך־ווינטן גענומען רייסן די ליכטלעך, בייסן די קנויטן, לעקן דעם חלום. האָבן די ליכטלעך זיך גענומען לעשן, צעביסענע אַוועקגעפאַלן - איינס ב'איינס דאָס ליכט אויסגעהויכט, דאָס נשמה־ליכט אויסגעהויכט...

און די חושך־ווינטן האָבן פאַרתכריכימט אַלע פינות עולם...

אָבער... אָבער דאָס ליכט האָט פאָרט מער אָטעם ווי די חשכות - אַפילו אויסגעלאָשן ליכט.

אין עטלעכע פינות־העולם האָבן צעביסענע ליכטלעך גובר געווען די פינצטערניש, נישט געלאָזט די צעביסענע קנויטלעך אויסגעלאָשן ווערן און זיך צוריקגעצאַפּלט צום ליכט, זיך צוריקגעצאַפּלט צום ליכט, זיך צוריקגעצאַפּלט - מחמת ליכטלעך האָבן שכל, ליכטלעך זענען עקשנים, ליכטלעך פירן אַ ח ש ב ו ן, און ווייסן, אַז די אויגעברענטע קנויטן פון אַלע צעביסענע ליכטלעך בעטן זיך ביי זיי: ליכטיקט פאַר אונדז אויך, לעשט זיך ניט לשם זיך און לשם אונדז און לשם דעם ליכטיקן ח ש ב ו ן וואָס טאָר זיך ניט אויסלעשן, טאָר זיך ניט אויסלעשן.

אַ ברכה אויף זיי, אונדזערע ליכטיקע חשבון־פירער דעם בעל־חשבון ר' משה, מיט ליבשאַפט און מיט ליכטיקער אָנערקענונג און מיט טיפן גלויבן אין זיין עקשנות און שעפערישקייט, זיין פאַרליבטקייט אין אונדזער יידיש־לשון און דער יעקר, זיין צאַרטקייט און קינסטלערישע אָרנטלעכקייט און זיינע דויערנדיקע ליטעראַרישע מתנות אונדזער ליטעראַטור -

מיין נאָענטקייט און דרך ארץ און ברכות -

**איטשע גאָלדבערג.**

# צו ריווע זאָלאָטראָווס אַוועקגיין אין דער אייביקייט

## געזעגענונגט־ווערטער, 11־טער דעצ. 1997.

טייערע משפּחה, טייערע פריינד!

אָט איז געווען אַ מענטש - אין אָט איז ער פאַרגאַנגען - געלעבט, געאָטעמט געטראַכט אין געלאַכט - אין פאַרשטומט געוואָרן. ווו עס איז דאָ אַן אַנהייב, איז דאָ אָ סוף. אַזאַ איז דער נאַטור־געזעץ, אָבער אין צווישן צייט פון ז י י ן און ג ע ו ו ע ן - איז פאַראַן דאָס לעבן.

ריווע האָט געהערט צו אַ ספּעציפישן דור, וועלכער האָט אַריינגעשריבן אַ בלאַט אין דער געשיכטע פון דעם מאָדערנעם אויפשטייגנדיקן יידישן קולטור־לעבן. זי האָט געהערט צו דעם דור, וועלכער האָט געלייגט דו גרונט־שטיינער פון סעקולערן יידישיזם, און מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן דער דאָזיקער אידעע. דאָס זענען געווען יונגע, באַפליגלטע יאָרן פון יידישן קולטור־אויפשטייג, ווו יונגע גייסטער האָבן צוזאַמען געוואָלט ענדערן דעם אויסזען פון דער אַמעריקאַנער "יידישער גאַס" און דורכלייגן אַ נייעם וועג.

ריווע האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון יידישער לערעריי - די "לערערקע ריווע" - אָדער ווי די שילערס פלעגן זי רופן "חברטע ריווע". וואָס קאָן זיין נאָך שענער ווי דערציען קינדער, יידישע קינדער, און איבערגעבן זיי דעם גאָלדיקן באַגאַזש פון אונדזערע יידישע קולטור־אוצרות. איז ריווע פאַרבליבן אַ יידישע לערערין איר גאַנץ לעבן. שוין אין די אַזוי גערופענע "גאָלדענע יאָרן" האָט זי נאָך אַלץ מיטגעלעבט מיט די דערגרייכונגען פון אירע געוועזענע שילער. זי איז געווען שטאָלץ מיט זיי. שטאָלץ, ווען איינער צי צוויי האָבן געגעבן לעקציעס אין יידיש, ביי אונדז אין יידישן קולטור־קלוב. זי האָט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט, באַמערקט טיילווייזע פעלערן - אָבער קיינמאָל נישט געמאַכט קיין האַרבע באַמערקונגען, שטענדיק מיט אַ שמייכל, אָדער חכמה - געלויבט. די שילער אירע האָבן געזאָרגט, אַז זייער יידיש זאָל זיין קאָרעקט, ריין. "די לערערקע ריווע איז אין זאַל".

ריווע האָט געקענט און מיטגעלעבט מיט אַ גאַנצער פּלעיאַדע יידישע שרייבערס, שפּפערס, און אָפּטמאָל - באַשיידן - דערציילט עפּיזאָדן וועגן מלכה לי, לייוויקן, גלאַטשטיינען און אַנדערע. זי איז בכלל געווען באַשיידן, און איר באַשיידנקייט איז געווען נישט קיין קינסטלעכע - אָט אַזאַ איז זי געווען! ווען מיר האָבן זי פאַרבעטן צו רעדן וועגן איר מאַן, דעם מאָלער זאָלאָטאַראָוו און די יאָרן פון דעם קינדער־טעאַטער - האָט זי מיט מורא, אָבער אויך מיט שטאָלץ, דערציילט וועגן זיין לעבן און שאַפן אין דעם מערקווירדיקן פּעריאָד פון יידישן לעבן.

ריווע איז שטענדיק געווען דער שאַרפער אָבסערוואַטאָר - געקוקט מיט אַ קריטיש אויג - אָבער שטענדיק געווען אַ פּאָזיטיווער קריטיקער... איז אַן אָרט געוואָרן פּוסט ריוועס אָוועקגיין. נישט נאָר פיזיש פּוסט - אויך גייסטיק! אַוועק איינע פון אַ פאַרשווינדנדיקן דור יידישע אינטעליגענטן. איר וואַרעמער שמייכל, דאָס קלאָרע ברייטע פּנים, לאַכנדיקע אויגן, איר ליבע צו אַלע יידישע קולטור־ווערטן, זענען פאַרפראָרן געוואָרן און צייט.

איך וויל פאַרענדיקן די געזעגענונגט־ווערטער פאַר ריווע זאָלאָטאָראָוו מיט אַ ציטאַט

פון דער דיכטערין מלכה טוזמאַן, וועלכע האָט געשריבן און אַ ליד צום אָנדענק פון אַ פריינד: "מען זאָגט, דו ביסט נישט מער - מיין פריינד / ס'איז וואָר, דו קענסט שוין מער דיין האַנט מיר נישט דערלאַנגען / אָט ערשט, ביסטו געווען, שטאַרק געווען / מען זאָגט דו ביסט פאַרגאַנגען / אָט זע איך איצטער נאָך דיין שמייכל אַרומשוועבן אין רוים / און דיינע שטילע גוטע רייד הויערן אַרום מיין אויפגעשפיצט געהער / מען זאָגט - דו ביסט נישט מער".

דו ביסט נישט מער, ריווע, - געווען און אַוועק.

**לילקע מייזנער**

## צו דער פטירה פון קינסטלער מיכאל מילבערגער

מיט צער האָבן מיר אויפגענומען די טרויעריקע ידיעה, אַז מיכאַל מילבערגער, דער פאַריזער יידישער סקולפּטאָר, איז אָן רחמנות, אין פולן ברען פון יצירה, אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבן. האָט דאָך דער אָ טיכטיקער קינסטלער געפיבערט מיט פּלענער. ער האָט אַ טאָג נישט אָפּגעלאָזט זיין שעפּערישן וואַרשטאַט.

מיכאַל מילבערגער איז געווען אַ קינסטלער וואָס איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער. ער איז ווייט נישט געווען אַ מסתפּק במועט. ער האָט זיך געריסן צום שלימותדיקן אויסדרוק. דעם דמות פון בן־אדם אַרויסהייבן שלימותדיק איז געווען זיין זאָרג.

דער סך הכל פון זיין קונסט איז דער מענטש. דער מענטש אין פּאָרטרעט, און דער מענטש אין דער סביבה. אין מענטש האָט ער געזוכט די הייליקע ניצוצות; און אַז ער האָט דעם אָ פונק דערבליקט מיט זיין נשמה, דאָ האָט ער שוין די נאָבלקייט אויפן געזיכט פון מאָדעל אויסגעשפּרייט.

מילבערגערס שעפּערישע הענט האָבן געפורעמט אויך דעם בן־אדם אין דער מענטשלעכער סביבה. מיט מיטלייד, מיט רחמים, האָט ער געשילדערט די מענטשלעכע בירע.

ווי אַזוי נישט דערמאָנען די ראָזשינקע פון זיין יצירה - די "איוב"־סעריע, וואָס אָטעמט מיט ברענענדיקע יסורים פון מענטש. און די אַנדערע זיינע תנ"ך־ווערק. מילבערגער איז געווען אַ קינסטלער מיט אַ פיבערדיקן טאַלאַנט.

די יידישע קונסט, וואָס האָט פון אים געקאָנט נאָך אַ סך דערוואַרטן, וועט אים נישט פאַרגעסן.

**עקיבא פישבין**

דער יידישער קולטור־קלוב אין ל.א.
דריקט אויס מיטגעפיל דעם פריינד **מאָניע גאָרפיין,**
די זין, אייניקלעך און דער פאַראַבלטער משפחה.
מיר טרויערן צוזאַמען מיט אייך אייף דעם אַוועקגיין אין דער אייביקייט
פון אייער און אונדזער

# רחל גאָרפיין

איר צאַרטקייט און איבערגעגעבנקייט צו יידישע קולטור־ווערטן
וועט בלייבן מיט אונדז אויף לאַנגע יאָרן.
כבוד איר אָנדענק.
***די פאַרוואַלטונג***

---

דער יידישער קולטור־קלוב אין ל.א.
דריקט אויס מיטגעפיל אונדזער טייערער
קיילע **גודמאַן** אין משפחה צוליב דעם פאַרלוסט פון איר
מאַן, חבר, פאָטער, זיידע

# הערשל גודמאַן

איבערגעגעבענער מיטגליד פון אונדזער קולטור־קלוב, ליבהאָבער
פון יידיש לשון און אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט יידישע קולטור־ווערטן.
מיר דערמאָנען אים מיט ליבשאַפט און כבוד
***די פאַרוואַלטונג***

דער איצטיקער נומער "חשבון"

דערשיינט מיט דער ברייטהאַריקער

אונטערשטיצונג פון דער

**Misha & Sonia Yablon Cultural Foundation**

וועמען מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק

רעד. און אַדמיניסטראַציע "חשבון"


רעד יידישער קולטור־קלוב אין ל.א.

און "חשבון"

באַגריסן האַרציק אונדזער אַקטיווע קולטור־טוערין

# רחל סלוצקי

צו איר ווערן 90 יאָר יונג

בעסטע ברכות, געזונטע פרוכטיקע יאָרן!

מיר דאַנקען פאַר אייער ברייטהאַרציקן בייטראַג

וואָס וועט העלפן אונדזער קולטור־טעטיקייט.

***די פאַרוואַלטונג***

***רעד. און אַדמ. "חשבון"***



אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע